STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04804

BRIV TSUM ARBETER

Upton Sinclair

Permanent preservation of this book was made possible
by Judith R. Rabkin
in memory of
Etta Jacobson Rabkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפּטאָן סינקלער

בריוו צום ארבעטער

CULTURAL CLUB OF SASKATOON

ייִדיש: עלים באָרנשטיין

יאַטשקאָווסקיס ביבליאָטעק

וואַרשע — ניו־יאָרק

Printed in Poland

JEWISH CULTURAL CLUB ~ OF SASKATOON

Listy do Robotnika — E. Sinklera
Wyd. Biblioteka Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

Druk. „POL“ Przejazd 11 tel. 317 31

ערשטער בריוו

מיין טייערער דזשעד

פאַראַן פיל זאַכן, וועלכע סיי איך, סיי איר, סיי אַלע אַנדערע אמעריקאַנער נעמען אָן אַלס עפּעס אַזוינס, וועגן וועלכן מ׳דאַרף נישט פירן קיין וויכּוחים. אַזוי, למשל, זענען מיר אַלע איינשטימיק דערין, אַז יעדער האָט דאָס רעכט צו זוכן דעם וועג צום גן-עדן דורך די מיטלען, וואָס זענען פאַר אים צום בּאַקוועמסטן, און, פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן זיך נישט אַריינמישן אין זיין גלויבן. מיר פאַרשטייען אויך, אַז אַלע מענטשן דאַרפן זיין גלייך פאַרן געזעץ. מיר ווילן דערמיט נישט זאָגן, אַז אַלע מענטשן בּאַזיצן דיזעלביקע פעיקייטן — ס׳וואָלט נאַטירלעך געווען נאַריש צו בּאַהויפּטן אַזאַ זאַך. אָבער אַלע האָבן דאָסזעלביקע „רעכט אויף לעבן, פרייהייט און שטרעבּונג צו גליק”, ווי עס זאָגט אונזער קאָנסטיטוציע. פּונקט אַזוי האָט אויך יעדער דאָס רעכט דערויף, וואָס ער האָט בּאַשאַפן דורך די מי פון זיינע הענט, און דער חוב פון דער מלוכה איז צו פאַרטיידיקן אים אין דאָזיקן רעכט.

בּכלל גערעדט, מיינען מיר, אַז מענטשן לעבן בּעסער, ווען מ׳לאָזט זיי איבּער אַליין צו שאַפן זייער גורל. מיר ווילן, אַז מ׳זאָל מיט אונז רעגירן בּלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס איז נויטווענדיק. זאָל די מלוכה זאָרגן דערפאַר, אַז קיינער זאָל נישט פאַרקריכן צו אונז אין די קעשענעס, און מיר וועלן זיך שוין אַליין בּאַמיען אויפצושטעלן אונזער הויז און לעבן דערין, ווי אונז וועט זיך וועלן.

דאָס איז טאַקע דער אַזויגערופענער אינדיווידואַליזם, און

איר, דזשעד, זענט אַ פּאַרברענטער אָנהענגער פון דאָזיקן, און אויך איך נישט ווייניקער פון אייך. דאָס איינציקע מאָל, ווכן די מלוכה איז געווען ביי אייך צו גאַסט פאַר די לעצטע צען יאָר — דאָס איז געווען בעת מ'האָט בײַ אייך דורכגעפירט אַן אינספּעקציע פון פונדאַמענט, וואַסערליייטונג און רעזערוו-לייטער אין פּאַל פון אַ שׂרפה; אַלץ אַזוינס, וואָס האָט אַן עפנטלעכן אינטערעס.

ווײַבאַלד דער מענטש וויל נישט אַרבעטן, האָט ער נישט קיין שום רעכט. דערמיט זענען מיר אַלע איינשטימיק, און קיינער פון אונז וועט נישט פאַרגיסן קיין טרערן איבערן גורל פון ליידיקגייערס און דאַרמאָיעדן. מיר פאַרטיידיקן בלויז די אמתע האָרעפּאַשניקעס, און מיר זאָגן, אַז נאָר זיי האָבן דאָס רעכט צו געניסן די פּרוכט פון זייער אַרבעט. לאָמיר בכן נעמען דעמדאָזיקן פּרינציפּ אַלס ווינקלשטיין פון אונזער דענקען.

און איצט דערלויבט מיר אייך צו פרעגן: מיינט איר טאַקע, אַז דער אַרבעטער באַקומט דאָס, וואָס ער פירט אויס? צי פאַלט נישט אַריין אַ היפּשער טייל צו אַן אַנדערן? מ'קאָן אַוועקשטעלן דידאָזיקע פראַגע אַנדערש: צי זענען נישט פאַראַן אין אונזער לאַנד קיין מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער פּרוכט פון מענטשלעכער מי, נישט אויספירנדיק נאָרנישט פּערזענלעך און נישט טוענדיק קיין שום נוצלעכע אַרבעט? יעדער דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז אויב אַ מענטש האָט באַקומען אַ זאַך, וועלכע ער אַליין האָט נישט געמאַכט, האָט עמיץ אַנדערש גע־מוזט באַרויבט ווערן פון דער פּרוכט פון זיין אַרבעט.

איך וועל נעמען אַ ביישפּיל, וואָס ליגט אונז אַמנאָענטסטן צום האַרצן — אייער הויז, וואָס דינט אייך אַלס פאַרזיכערונג אויף דער עלטער. איר האָט אָפּגעצאָלט גוטע געלטער פאַרן מאַ־טעריאַל צום דאָזיקן הויז, האָט עס מיט אייגענע הענט אויפ־געשטעלט, און איר זאָגט, אַז דאָסדאָזיקע הויז געהערט צו אייך. אויב ס'וואָלט זיך עמיצער באַוויזן און געפּרוווט צו צונעמען דאָסדאָזיקע הויז און עס אַוועקפירן, וואָלט איר בלי ספק נישט דערלויבט אים דאָס צו טון. אויב ס'וואָלט זיך עמיצער באַזעצט דערין און זיך נישט געוואָלט אָפּטראָגן, וואָלט איר אים אַרויס־געשליידערט פון דאָרטן. דאָס געזעץ וואָלט אייך נאַטירלעך

געשטיצט, — און דערפאַר זענט איר אַזאַ הייסער פּאַרטיידיקער פון געזעצלעכקייט.

נאָר ווי איז דער דין, ווען כ'וועל אייך זאָגן, דזשענט, אַז ס'זענען פאַראַן פיל מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע מ'קאָן באַ אייך צונעמען דאָס הויז, און לא די וואָס דאָס געזעץ וועט נישט אַ ריר טון מיט קיין פינגער לטובת אייך, נאָר וועט נאָך אייך, אדרבה, אַרויסוואַרפן פון אייער אייגענעם הויז און עס אָפּגעבן צו אַן אַנדערן מענטש? הערט זיך איין, ווי אַזוי דאָס קאָן געשען?

שטעלט אייך פאָר, אַז עמיצער האָט די מעגלעכקייט צו באַשטימען פּרייזן אויף אַלע זאַכן פון ערשטן געברויך, וועלכע ס'קומט אייך אויס צו קויפן טעגלעך, ווי, למשל: שפּייז, אָנטועכץ, נאַפט און אַזוי ווייטער. און נעמט אָן, אַז דערדאָזיקער מענטש שרויפט אַזוי אויף די פּרייזן, אַז איר זענט שוין מער נישט אימשטאַנד זיך אַן עצה צו געבן. דאַן וואָלט אייך אויסגעקומען צו לייען געלט, גאַראַנטירנדיק די הלוואה מיטן הויז, און ווען ס'וואָלט געקומען די צייט אויסצוקויפן דעם חוב, וואָלט איר נישט געהאַט קיין געלט, אייער הויז וואָלט דאַן פאַרקויפט געוואָרן אויף ליציטאַציע, און דאָס געזעץ וואָלט אייך אַרויסגעטריבן פון דאָרטן.

אָדער לאָמיר אָננעמען, אַז ס'וואָלט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס האָט די מעגלעכקייט צו אַנטווערטן די מטבע פון אייער לאַנד, אַזוי, אַז אייער יעדער דאָלאַר וואָלט פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין ווערט. שוין-זשע איז אייך נאָכנישט פאַרשטענדלעך, אַז ער וואָלט דערמיט אַליין אייך געקאָנט אַרויסוואַרפן פון אייער הויז?

איך מוז אייך זאָגן, אַז ס'זענען פאַראַן צענטליקער פאַרשידענע אופנים, כדי דורכצומאַכן מיט אייך דעמזעלביקן טריק, און אַז דער איז שוין געמאַכט געוואָרן פיל מאָל און וועט נאָך נישט איינמאָל געמאַכט ווערן. אונזער וועלט איז פול מיט קאָמבינאַציעס, מיט וועמעס הילף אונזערע קעשענעס ווערן אַזוי פלינק אויסגעליידיקט, אַז איר פילט צומאָל נישט דאָס צורירן זיך פון גנבס פינגער.

ווען צו אייך וועט קומען אַ מענטש און אייך נעמען

איינרעדן צו קויפן בא אים גילדענע בערג, וועט איר גאר לאכן פון אים. איר וועט זאגן, אז דאס זענען אלטע שטיק, און איר זענט שוין מיט זיי לאנג באקאנט. אייך וועט מען נישט פירן אין באד אריין! אדער, לאמיר זאגן, ער פרוווט אייך צו פארקויפן גאלדגרובנס אויף קאמטשאטקע אדער אקציעס פון נישטעקזיסטירנדיקע נאפטקוואלן. שיינט מיר, דזשעד, אז מ'האט אייך שוין איינמאל אפגעפרייערט, און דאס צווייטע מאל וועט איר זיך שוין נישט לאזן. נישט אמת?

אבער, דזשעד, דאס, וועגן וועלכן איך רעד מיט אייך, באציט זיך נישט אויף שווינדלעריי. פארקערט, דאס איז נוגע דעם געביט פון סאמע בכבודיקע טאטן, וואס ווערן באגלייט מיט שיינע לאזונגען, וואט כדי זיי צו פארטיידיקן לאזט איר זיך אוועק צו די אורנעס אין טאג פון די וואלן, און וואס פאר פיל פון זיי זענט איר גרייט צו לייגן אייער קאפ אויפן שלאכטפעלד.

לאמיר נעמען, למשל, דעם אזויגערופענעם „שוץ-טאריף”. סארא שיינער נאמען — שוץ-טאריף! נישט ווילנדיק שטעלט זיך אייך פאר די מוטער, וואס פארהיט איר קינד אין וויגל. אבער די עקאנאמיסטן רופן דעמדאזיקן טאריף אן איינס פון די פארמען פון אומדירעקטע שטייערן — וואס באטייט דאס? און אט טאקע דאס, וועגן וועלכן כ'האב אקארשט גערעדט: איינס פון די מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע אונזערע קעשענעס ווערן אויסגעליידיקט אזוי, אז איר פילט צומאל נישט די באַ-רירונג פון גנבס פינגער.

אדער נעמט אזא זאך ווי „אינפלאציע”. דאס איז נישט עפעס אנדערש, ווי דאס „פליסיק-מאכן” די געלט-מטבע אויף אזא אופן, אז אין אייער קעשענע וועט זיך ארויסווייזן ווייניקער געלט, ווי ס'איז געווען פריער. אלע באנקירן וועלן אייך זאגן, אז אינפלאציע — דאס איז א פארדריסלעכע זאך, און איר זענט זיי גרייט צו גלויבן, און איר זענט פולשטענדיק זיכער, אז בא אונז וועט דאס קיינמאל נישט פאסירן. און דאך הערן די באנקירן נישט אויף דאס צו טון. פאר די לעצטע צען יאר האבן זיי ארפגעווארפן אייער געלט אויף פערציק פראצענט פון זייער קויף-קראפט, און איר, מיין אלטער גוטער פריינט, האט

געמיינט, אַז דאָס איז גאַנץ אין אָרדנונג, היות דער פּרייז פון אייער הויז און פון שטיקל ערד, אויף וועלכן אייער הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרן, האָט זיך אויך געהויבן. אייך איז אויפן רעיון נישט געקומען, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן זיך אויך געהויבן די פּרייזן אויף אַלע זאַכן, וועלכע איר פלעגט קויפן, און גלייכצייטיק דערמיט האָט פאַרלוירן זיין ווערט אייער אָפּגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל אין דער שפּאָר-קאַסע.

דזשעד! איר שטייט אויף יעדן פרימאָרגן מיטן טאָג צו-גלייך, קאָכט אויפדערגיך אָן קאַווע, שלינגט בחפזון אַראָפּ אַ פּאָר פּעניצלעך ברויט און איילט צו דער אַרבעט. אין פאַרלויף פון פערציק יאָר האָט איר נישט אויפגעהערט צו טון יעדן פרימאָרגן דאָסזעלביקע זעקס מאָל אין וואָך. און די גאַנצע צייט האָט איר געאַרבעט ווי אַן אַלטער אייזל, צו אַכט און ניין שעה, און זיך דערנאָך אומגעקערט אַהיים און דאָ אויך געאַר-בעט ביז שפּעט אין אָוונט.

אין אַמעריקע לעבן צוויי און פּערציק מיליאָן אַזעלכע אַרבעטער ווי איר, וואָס אַרבעטן פּונקט אויפן זעלביקן אופן, און דער אַלגעמיינער סך-הכּל פון דעם, וואָס דידאָזיקע מענטשן פירן אויס, וואַקסט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גיגאַנטישער מאַסע פון יעטוועדן גוטס. און צו וועמען פאַלט דאָס אַלץ אַריין, דזשעד? ווי אַזוי ווערט פאַרטיילט דאָסדאָזיקע גאַנצע גוטס? און אָט ווי אַזוי.

אין די גרויסע שטעט, אין די פּילשטאָקיקע וואָלקנקראַ-צערס זיצן ווייסהענטלדיקע דזשענטלמענער אין זייערע ביוראָס הינטער טישן פון רויטן האָלץ, דזשענטלמענער, וואָס האָבן נישט קיין אַנונג וועגן דעם, וואָס עס הייסט בראָדזשען אין שמוץ, באַגיסן זיך מיט שוויס אין דער היץ, פרירן אין ווינטער...

איינדערצייט ווען איר אַרבעט, דזשעד, האַלטן דידאָזיקע דזשענטלמענער אין איין טראַכטן, און זייערע געדאַנקען זענען אויסשליסלעך קאָנצענטרירט נאָר אויף איין זאַך: ווי אַזוי בײַ אייך צוצונעמען אַ גרויסן טייל פון דעם, וואָס איר האָט פאַר-דינט. דידאָזיקע מענטשן האָבן דערפונדן די סאַמע דינע, סאַמע פאַרפולקאָמטע מאַשין פאַר עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט נאָר

עקזיסטירט ווען עס איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און מיט דער הילף פון וועלכער זיי צווינגען אייך צו ארבעטן און האָרעווען, ווען זיי ברויכן נאָר די פרוכטן פון אייער פראצע.

און איך וויל אייך ווייזן דידאָזיקע מאשין. איך קלייב זיך צו צענעמען זי לויט די טיילן, ווי דאָס וואָלט געווען אן אויטאָמאָביל, און וועל אייך ווייזן גענוי, ווי אזוי זי איז צונויפגעשטעלט. איך וועל דערקלערן, ווי אזוי ס'קומט פאָר דאָס אזויגערופענע ארייננגיסן וואסער אין די אקציע, און אויף סארא אופן דערדאָזיקער טריק געמט בא אייך אָפּ אייער גאנצן פארדינסט. איך וועל אייך דערקלערן, ווי אזוי ס'ווערן אויפגעשרויפט די מארק-פרייזן און ווי דערמיט גופא ווערט ארויסגעשלעפּט דאָס געלט פון אייער קעשענע. איך רעד לגמרי נישט וועגן אזא פאל, ווען איר האָט זיך געלאָזט אויף דער פאָנדן-בערזע און גענומען דאָרט שפּעקולירן. איך רעד וועגן די פאלן, ווען איר גייט אריין אין דעם זייטיקן געוועלבל און קויפט זיך ווייס ברויט אָדער א בלוזע, אָדער עפּעס אנדערש, וואָס ווערט אויסגעארבעט דורך דער מאשין און אראָפּגעבראכט מיט דער באן אָדער אויפן דאמפער.

דערעיקר וויל איך אנטפּלעקן פאר אייך דעם סאמע פארבאפּנדיקן טייל פון אונזער אויבער-חכמה, און נעמלעך — אונזער באנק-סיסטעם. איר, דזשעד, זענט אין דער יוגנט ארומגעגאנגען ארום פּי, איר האָט אויך געארבעט אויף א פערמע; דערפאר וועט אייך זיין אינטערעסאנט צו וויסן, אז בא אונז איז פאראן אזא אנשטאלט, וואָס רופט זיך „פעדעראלע רעזערוו-באנק”, און אז דיזעלביקע באנק איז מיט דריי יאָר צוריק פארקראָכן אין די קעשענעס פון די אמעריקאנער פערמעס און ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן — וויפל וואָלט איר געמיינט? — לערך פיר מיליארד דאָלער. און ווער האָט זי אוועקגעגעבן דאָסדאָזיקע געלט? נו, פארשטייט זיך, די גרויסע באנקירן פון וואָלסטריט און די פאבריקאנטן, און די טרעסט-מאגנאטן, מיט וועלכע זי ארבעט האנט בא האנט.

מיר איז אויסגעקומען באלד דערנאָך צו פארברענגען אויף צפון-מערב, און אין איין שטאָט נאָך דער צווייטער האָב איך

געזען גאַנצע ראַיאָנען, ווו יעדע פערמע איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר נישט אָפּגעצאָלטע שטייערן. צי זענט איר מיט מיר נישט מסכים, דזשעד, אַז אייך וועט נוצלעך זיין צו וויסן, ווי אַזוי דאָס אַלץ קומט פאָר?

צווייטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

אין דער ביבל שטייט, אַז נישט מיטן בלויזן ברויט לעבט דער מענטש. מ׳דאַרף נאָר אויסהערן, וואָס ס׳זאָגן מענטשן — דאַן קאָן מען זיך טראַכטן, אַז אין דער ביבל שטייט אַנדערש: „נישט מיט קיין ברויט לעבט דער מענטש". נאָר מיר מיט אייך וויסן, אַז טאַקע מיט ברויט לעבט דער מענטש, און אויב ער וויל לעבן ווי אַ ציוויליזירטער מענטש, דאַרף ער נאָך האָבן פיל אַנדערע זאַכן, ווי למשל: אַ וווינונג פון עטלעכע צימערן, ריינע וועש, מלבושים, ביכער און קולטורעלע פאַרווייַלונגען. נישט פאַראַן עפּעס מער שעדלעכס פאַרן געזונט און וויל־שטאַנד פון דער מענטשהייט, ווי עקסטרעמע אָרימקייט, וואָס באַרויבט דעם מענטש פון דער מעגלעכקייט צו דערווערבן פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע די אַרטיקלען פון ערשטער נויט־ווענדיקייט.

אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזעלכע ערטער, ווו די אָרימקייט איז אַ פועל־יוצא פון נאַטירלעכע באַדינגונגען. נאָר, פאַרשטייט זיך, צו אַזעלכע ערטער געהערן נישט די פאַראייניקטע שטאַטן אין אונזער צייט. אונזער לאַנד פאַרמאָגט אַ שטח פון לערך פיר מיליאָן קוואַדראַט־מייל און אַזאַ שפע און פאַרשידנאַרטיקייט פון נאַטירלעכע רייכטימער, ווי ס׳איז נישט פאַראַן אין קיין שום אַנדער לאַנד אין דער וועלט. בײַ אונז איז פאַראַן כמעט אַ״ץ, וואָס פאָדערט זיך נאָר אין דער מאָדערנער אינדוסטריע. אונזער אימפּאָרט באַשטייט בעיקר אין לוקזוס־

אַרטיקלען, ווי אַ שטײַגער קאווע, באַנאַנען, מוזיק-אינסטרו-מענטן און פראַנצויזישע מאָדעס. בײַ אונז איז פאַראַן צוויי און פערציק מיליאָן אַרבעטנדיקע, אַלע הערלעך קוואַליפיצירט אין זייער פאַך, און דער אַמייסטן פאַרפּולקאָמטער אינדוסטריע-סיסטעם. מיר אַרבעטן אויס 40 פּראָצענט פון דער אייזן- און שטאָל-פּראָדוקציע אין דער וועלט, 52 פּראָצ. — קוילן, 62 פּראָצ. — קופּער, 70 פּראָצ. — קוקורוזע, 85 פּראָצ. — אויטאָמאָ-בילן, און אזוי כּמעט אין אַלעם.

מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק האָט אונזער רעגי-רונג דורכגעפירט אַ פאַרגלייכנדיקע סטאַטיסטיק פון האַנט-און מאַשין-אַרבעט אין עטלעכע אינדוסטריע-צווייגן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער אויספּערטיקונג פון צען אַקעראייזנס פלעגט אַמאָל אַוועקגיין 1180 שעה, אינדערצייט ווען אויפן מאַשינען-סיסטעם פארלירט מען דערויף איצט 37½ שעה. כּדי אויסצופּערטיקן דורך האַנטאַרבעט טויזנט פּאָר ביליקע שיך, פלעגט מען פאַרלירן 1437 שעה, דורך דער מאַשין — אינגאַנצן נאָר 154 שעה. פון דידאָזיקע ציפערן זעען מיר, אַז די מאַשין האָט פאַרקירצט די מענטשלעכע אַרבעט אין געוויסע פאַלן אויף פיל, פיל מאָל. און דאָס איז נאָך געווען אין 1898 יאָר, און האָבן מיר דאָך זינט יענער צייט דערגרייכט נאָך גרעסערע רעזולטאַטן!

בײַ אונז איז פאַראַן אַ פּאָרד-פאַבריק, אין וועלכער עס אַרבעטן 165,000 מענטשן און וואָס לאָזט יערלעך אַרויס צוויי מיט אַ האַלב מיליאָן אויטאָמאָבילן און לאַסטאויטאָס, ד. ה. צו איין מאַשין אויף יעדע צוואַנציק אַרבעטנדיקע טעג פון איין מענטש.

אין טשיקאַגאָ זענען פאַראַן גיגאַנטישע בעקערייען, אין וועלכע דאָס באַקן קומט פאָר אויטאָמאַטיש, אויסשליסלעך מיט דער הילף פון עלעקטריע, און דידאָזיקע בעקערייען לאָזן אַרויס טעגלעך 14,400 ברויטן.

איך האָב אַ פריינט, אַן אייגנטימער פון אַזאַ דרוק-מאַשין, וואָס לאָזט אַרויס אין אַ שעה פינף טויזנט ביכער צו 64 זייטן יעדעס.

כ׳וואָלט געקאָנט אויסשרייבן גאַנצע זייטן, שילדערנדיק

דידאָזיקע מיני וווּנדער. מיר האָבן איינגעשפּאַנט צו דער אַרבעט טייכן און וואַסערפאַלן און אין דעם שטאַט מעין אַפילו דעם צופלייץ און אָפּפלייץ, און מיר ווייסן פון די אינזשענירן, אַז די מאַשין-אַרבעט פאַרבייט מיט זיך דריי מיליאַרד פלייסיקע שקלאַפן.

רעדזשער באַבסאָן, וואָס שטייט בראש פון אַ גרויסער סטאַטיסטישער ביוראָ, ברענגט ציפערן וועגן דער מאַשין-פּראָדוקציע און, אורטיילנדיק לויט דידאָזיקע ציפערן, זעען מיר, אַז אין 13 וויכטיקע אינדוסטריע-צווייגן איז די פּראָדוקציע געשטיגן 88 מאָל אַזויפיל לגבי דעם, וואָס איז געווען באַ האַנטאַרבעט.

אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן, וואָלט יעדער איינוווינער פון אונזער לאַנד געדאַרפט זיין 88 מאָל רייכער, אָדער ס'וואָלט, מיט אַנדערע ווערטער, אין יאָר 1926 געדאַרפט זיין 88 מאָל ווייניקער אָרימקייט צווישן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, ווי ס'איז געווען אין יאָר 1825.

ווו-זשע שטעקט די צרה, דזשעד? מיט וואָס דערקלערט זיך עס, וואָס צוליב עפּעס אַ סיבה הערשט נאָך איצט פּונקט אַזאַ אָרימקייט, ווי ס'איז געווען פריער, און אַפילו נאָך אַ גרעסערע? אין די אַמאָליקע יאָרן איז קיין שום מענטש נישט געשטאָרבן פון הונגער, ווייבאַלד ער איז נאָר נישט געווען קיין אומפאַרבעסערלעכער פוילאַק אָדער שיכור. אונזערע אָבות האָבן זיך גוט דערנערט און זענען געווען אימשטאַנד מפרנס צו זיין אַ פאַמיליע פון צען, און טיילמאָל אַפילו פון צוואַנציק נפשות. וויפל אינדוסטריעלע אַרבעטער אָדער שאַכטערס וועט איר איצט געפינען, וואָס זאָלן זיך קאָנען דערלויבן אַזאַ מין לוקסוס?

פאַר מיר ליגט אַ פאָטאָגראַפיע פון אונזער ווייסן הויז *) אין וואַשינגטאָן, מיט זיין גראַנדיעזן מירמלנעם קופּאָל, וואָס דערהויבט זיך איבער די שמוציקע נעבעכדיקע הייזלעך, אין

*) דער בנין, אין וועלכן ס'געפינט זיך די רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

וועלכע ס׳ווינט די אָרימקייט. כ׳מוז אייך זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין ספּעציעל צונויפגעשטעלטע פאָטאָגראַפיע. נאָר אַזעלכע, וואָס איר קאָנט אליין אַרונטערנעמען פון וועלכן ס׳איז פּונקט פון וואַשינגטאָן.

אָדער פּאָרט, זייט מוחל, קיין ניו-יאָרק, דעמדאָזיקן צענטער פון אונזער עשירות און ווילטאָג. לויט די דאַטן פון דעם שול-אינספּעקטאָריאַט זענען צוויי דריטל שילער פיזיש דעפעקטיוו, און איין פערטל ליידט אויף נישט דערעסן. מיט צוויי יאָר צוריק האָט אונזער סטאַטיסטיק געוויזן, אַז אין ניו-יאָרק לעבן 750,000 מענטשן אין אומגעוויינלעך שווערע וווין-באַדינגונגען.

אין ניי-ענגלאַנד **) שטרייקן איצט טויזנטער פאַבריק-אַרבעטער. זיי קעמפן אַקעגן דער רעדוקציע פון אַרבעטס-לוין, וואָס קלעקט אזוי אויך קוים אויף חיונה. דאָ קאָנט איר געפינען די אַזויגערופענע „ווייבערישע שטעט”, ד. ה. שטעט, פון וואַנען אַלע מאַנסבילן זענען אַוועק, און וועלכע ס׳איז פּרוי קאָן מען קויפן פאַר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.

אין שטאַט פּענסילוואַניע שטרייקן איצט הונדערט טויזנט שאַכטערס, וועלכע פּאַרטיידיקן זייער נעבעכדיקן לוין, וואָס סטאַיעט קוים אויפן טעגלעכן ברויט. זיי וווינען אין ליימענע כאַטעס און קאָנען קוים מפרנס זיין זייערע פאַמיליעס.

אין שטאַט דזשאָרדזשיע און אין די שטאַטן דרום- און צפון-קאַראָלינע געפינט אירע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, ווו די גאַנצע אַרבעט ווערט אויסגעפירט דורך קינדער. נישט ווייט פון דאָרטן זענען פונאַנדערגעוואָרפן די קייזערלעכע ווילעס פון די רייכע לייט, וועלכע ווייסן נאָר צוויפיל, וואָס זיי שפּילן אין גאָלף.

די פאַרטיידיקער פון מאָדערנעם אינדוסטריע-סיסטעם זענען גרייט אָנצוערקענען די אַלע פאַקטן; אויב איר וועט זיי צו-שפּאַרן צו דער וואַנט, וועלן זיי אייך ענטפערן, אַז די באַדינ-גונגען ווערן מיט יעדן טאָג בעסער. און איינער פון די פּראָ-פעסאָרן פון האַרוואַרד-אוניווערסיטעט האָט נאָר וואָס אַרויסגע-

---

**) דער נאָמען פון אַ גרופּע צפון-מזרח-שטאַטן.

לאָזט אַ בוך, אין וועלכן ער זאָגט, אַז אונזער וווּנדערבאַרער סיסטעם לייזט אויף אַ שנעלן אופן אַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט און בלי ספק וועט אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט נישט זיין קיין איין אָרימאַן.

און אַזוי, מיין טייערער דזשעד, וויל איך אייך זאָגן עטלעכע ווערטער, וועלכע איר זאָלט זיך פאַרשרייבן, גוט פאַרגעדענקען און זיך איבערחזרן פון צייט צו צייט, ווען איר וועט זעגן האָלץ אָדער פאַרמישן צעמענט:

די לעבנס-תנאים פון די אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען פאַר די לעצטע פינף און דרייסיק יאָר לאַנגזאַם, אָבער זיכער אַוועק צום ערגערן.

איצט וועלן מיר זען ווייטער. לאָמיר פעסטשטעלן, וואָס עס הייסט „הייגטיקער" אַרבעטסלוין, ד. ה. מיר'ן קלאָרמאַכן דאָס פאַרהעלטעניש צווישן דעם אַרבעטסלוין און די לעבנס-קאָסטן. פאַר יעדן דאַרף זיין קלאָר, אַז אויב אייער פאַרדינסט שטייגט פון איין דאָלאַר ביז צוויי, און אין דערזעלביקער צייט הויבן זיך די פּרייזן אויף טאָפּל, טאָ ווערט איר נישט רייכער, ווי איר זענט געווען פריער. דאָס איז נאָר אַ מיטל אָפּצונאַרן דעם אַרבעטנדיקן מענטש, אָבער מיר מיט אייך וועלן זיך נישט לאָזן פירן פאַר דער נאָז.

פאַר אונז שטייט אַ ווייט נישט איינפאַכע אויפגאַבע. מ'דאַרף באַרעכענען דעם אַרבעטסלוין אין אַ גאַנצער ריי אינדוסטריע-צווייגן פאַר אַ גאַנצע ריי יאָרן, און דערנאָך דאַרף מען אויסרעכענען דעם דורכשניטלעכן פּרייז פון די פּראָדוקטן ווידער פאַר אַ גאַנצע ריי יאָרן. אין געגעבענעם פאַל איז זייער לייכט צו פאַרמישן די ציפערן — דערצו איז גענוג צו נעמען דעם אַרבעטסלוין פון יענע אינדוסטריע-צווייגן, ווו די אַרבעט באַצאָלט זיך בעסער, און פאַרגלייכן דערנאָך דידאָזיקע ציפערן מיטן ווערט פון יענע פּראָדוקטן, וועלכע ווערן אָפּגעשאַצט נידריקער. אַזוי, למשל, טוט טאַקע דער מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע הוווער, וועלכער האָט אין זיין באַריכט דעם פּרעזידענט (וועלכער האָט ווידער פון זיין זייט פאָרגעשטעלט דידאָזיקע ציפערן דער פּרעסע צום פאַרעפנטלעכן) גע-

בראַכט אַ גאַנצע ריי ציפערן, מיט דער הילף פון וועלכע ער דערוויזט, אַז דער אַרבעטסלוין פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער איז פאַר דער לעצטער צייט שטאַרק געשטיגן. און די צייטונגען יובעלן וועגן דעם אין זייערע לייטאַרטיקלען.

וואָס-זשע איז די סיבה? דאָ איז פּשוט פאַראַן אַ גראָבע רמאות. הגם ער האָט גענומען פאַרן אויסגאַנגס-פּונקט די הורט-פּרייזן. ער ווייסט, אַז די הורט-פּרייזן זענען אַביסל געפאַלן, אינדערצייט ווען די דעטייל-פּרייזן זענען כלל נישט נידריקער געוואָרן. אַחוצדעם ווייסט ער אויסגעצייכנט, אַז דער אַמעריקאַנער אַרבעטער קויפט נישט קיין שפּייז און אָנטועכץ אויף הורט-פּרייזן.

פּראָפעסאָר פּאָל דוגלאַס האָט זיך אין אַ פליייסיקן שטודיום פאַרנומען מיט דער פראגע פון ארבעטסלוין און געקומען צום אויספיר, אַז דערדאָזיקער אַרבעטסלוין איז פאַרן פּעריאָד 1890—1924 געפאַלן אויף 5 פּראָצ. אַנדערש גערעדט, אינדערצייט ווען אין יאָר 1894 איז דער אַרבעטער געווען אימשטאַנד צו קויפן 20 פונט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, איז ער איצט אימשטאַנד צו קויפן נאָר 19 פונט.

ס'קאָן נישט זיין קיין שום ספק, דזשעד, אַז אין פיל הויפט-צווייגן פון דער אינדוסטריע איז דער אַרבעטסלוין פון אַרבעטנדיקן אַראָפּגעפאַלן. און אויב מ'וועט אייך זאָגן פאַרקערט, טאָ טוט אַ פרעג, וועלכע אַרבעטער האָבן דאָס געוווּנען היי-יאָר אויפן אַרבעטסלוין? נישט שוין-זשע די שטרייקנדע טעקסטיל-אַרבעטער פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס? אָדער די 158,000 שטרייקנדיקע באַרגאַרבעטער פון פּענסילוואַניע? פרעגט די פּערמערס פון די צפון-מערבדיקע שטאַטן און זיי וועלן אייך מיט פאַרדרוס ענטפערן: „ניין". מ'דאַרף אייך זאָגן, אַז דער געוועזענער גובערנאַטאָר פון שטאַט אילינויס, לאָודען, האָט דערקלערט אויף אַ באַנקעט אין ניו-יאָרק, אַז פאַרן פּעריאָד 1920—1924 האָט דער אַמעריקאַנער פּערמער געהאַט בלויז דריי צענטל פּראָצענט ריוח פון זיין פּערמע.

כדי זיך נאָך בעסער פונאַנדערצוקלייבן דערין, שטעלט אייך אַזאַ פראַגע: צי האָט די קויף-פעיקייט פון אַ נוערע קאַפּיטאַליסטן געליטן ווי נישט-איז פאַר די לעצטע 35 יאָר?

ס׳איז לעכערלעך אפילו זיך צו שטעלן אזא מין פראגע! לאָ־מיר נעמען, למשל, פאָרדן, וואָס איז היינט א מיליאָן מאָל רייכער, ווי ער איז געווען מיט 35 יאָר צוריק. געוויס איז אויך ראָקפעלער בא היינטיקן טאָג צוואנציק מאָל אזוי רייך, ווי אין יאָר 1890.

די אלגעמיינע סומע פון רייכטום פון אונזער לאנד איז געשטיגן פון 65 מיליארד אין יאָר 1890 ביז 320 מיליארד אין יאָר 1922, און היות ווי דער אונטערשיד איז בשום אופן נישט ארייגעפאלן צו די ארבעטער, איז ער ממילא ארייגעפאלן צו די גבירים.

אָט האָט איר עטלעכע דאטן בנוגע דעם מצב פון אונ־זערע גבירים, אורטיילנדיק לויט די ציפערן, וואָס זיי גיבן־אויף אין זייערע דעקלאראציעס פון הכנסה־שטייער. די צאָל פון די גליקלעכע, וועמעס הכנסה עס שטייגט איבער 300,000 דאלאר א יאָר, איז געשטיגן פון 245 ביז 773. די צאָל פון די פערזאָ־נען מיט א הכנסה פון 100,000 ביז 300,000 דאלאר איז גע־שטיגן פון 2106 ביז 4921. די צאָל פון פערזאָנען מיט א הכנסה פון 25,000 ביז 100,000 איז געשטיגן פון 37,663 ביז 62,152, און איר דארפט געדענקען, דזשעד, אז דידאָזיקע לייט זענען נישט מחויב אויפצוגעבן אין זייערע דעקלאראציעס קיין ידיעות, וואָס זענען נוגע די דיווידענדן, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן אין דער פאָרם פון צוגאָב־אקציעס, און פונקט אזוי צאָלן זיי נישט קיין שטייערן פאר א גאנצע ריי קאָסט־באַרקייטן אויף א סומע פון א מיליארד אָדער צוויי, וואָס זע־נען באפרייט פון יעטוועדער באשטייערונג.

איר דארפט וויסן, דזשעד, די פאָלגנדיקע באהויפטונג פון די סאָציאליסטן: „בא אונזער סיסטעם ווערן די רייכע ריי־כער און די אָרימע — אלץ אָרימער; און דערדאָזיקער סיסטעם איז פאראורטיילט אויף אונטערגאנג". און קיין שום זאך דער־צערנט נישט אין אזא מאָס אונזערע קאפיטאליסטן, ווי דידאָ־זיקע ווערטער. מיר שיינט, אז איך האָב אין מיין לעבן גע־לייענט טויזנטער לייטארטיקלען, אין וועלכע דידאָזיקע ווערטער זענען אויסגעלאכט, געזידלט אָדער איגנאָרירט געוואָרן אלס אזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות מיט אמעריקע.

אָבער דאָך, דזשעד, איז דאָס דער ריינער אמת! אַלע ארבעטער ווערן פאַרהעלטנישמעסיק אָרימער, און גאַנצע גרופּעס פון זיי פאַלן אריין אין דחקות, אויב מ'וועט אורטיילן לויט דעם, וואָס זיי זענען אימשטאַנד צו קויפן פאַר זייער אַרבעטסלוין. און אין דערזעלבער צייט האָט זיך דאָ בײַ אונז פונאַנדער־געלייגט דער שטאַב פון וועלט־ווילשטאַנד. זענען מיר דאָך די רייכסטע נאַציע אויפן ערדקויל; אין די אוצרות פון אונזער לאַנד געפינט זיך מער ווי אַ העלפט פונם גאָלד־זאַפּאַס פון דער גאַנצער וועלט.

דריטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

אַלמאַי דאָס געשעט און מיט וואָס דערקלערט זיך עס, וואָס אין אונזער לאַנד, אין דעם פרייען בליענדיקן לאַנד, ווערט דער רייכער רייכער און דער אָרימאַן אַלץ אָרימער?

אויב איר וועט נעמען רעדן אויף דערדאָזיקער טעמע מיט אַן עקאָנאָמיסט, וועט ער אייך אָנרעדן זייער פיל געלערנטע ווערטער און נעמען דערציילן וועגן נאַטירלעכע פּראָצעסן, וואָס רעגירן דורך אומבּרחמנותדיקע געזעצן. נאָר זעט איר, דזשעד, דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק דערפון, פון וואָסער זייט מען קוקט אויף די זאַכן.

אויב איר וועט קוקן אויבערפלעכלעך, טאָ וועט איר ווירקלעך דערזען בלויז נאַטירלעכע פּראָצעסן. נאָר אויב איר וועט זיך נעמען אַריינבליקן טיפער, טאָ וועט איר זען, אַז דאָס איז אַן ענין פון מענטשלעכע הענט, און איר ווייסט דאָס, מחמת איר נעמט יעדן טאָג אָנטייל אין דער אויסאַרבעטונג פון די פּראָדוקטן.

און פּונקט אַזוי ווערט אויך דאָס רייכטום פונאַנדערגעטיילט דורך מענטשלעכע הענט. דאָס ערשטע אָרט אין דער

דשימה פון מענטשלעכע טעטיקייטן, וואָס זענען גורם צום אָרימקייט אין אַמעריקע, געהערט, לויט מיין מיינונג, אונזער באַנק-סיסטעם. דערדאָזיקער סיסטעם איז פונקט אזוי געשיקט אויפגעשטעלט, ווי אונזער הויז, און דער פּלאַן פון דאָזיקן סיסטעם דריקט זיך אויס בקיצור דורך איין פראַזע: „דייענינקע, וואָס האָבן געלט, גיט די מעגלעכקייט צו באַקומען נאָך מער".

פיל אין דאָזיקן סיסטעם קאָן זיך אויסווייזן אומגעווינלעך קאָמפּליצירט, נאָר אויב איר וועט איינמאָל אָנכאַפּן דעם גרונט-געדאַנק, וועט אייך שוין קיינער און קיינמאָל נישט פאַרפירן.

איין מענטש פאַרזייעט קאָרן, דער צווייטער זעגט האָלץ. נאָר איר וועט דאָך מסכים זיין, אַז ס׳וואָלט געווען זייער אומבאַקוועם צו פאַרבייטן אַ שייטל האָלץ אויף אַזאַ און אַזאַ סכום קאָרן. און דערפאַר האָבן די מענטשן דערפונדן דאָס געלט, וואָס דינט אַלס גרוגט-איינצל פון אויסבייט און גיט אַ מעגלעכקייט צו פאַרבייטן איין קעגנשטאַנד אויפן צווייטן.

קודם-כל דאַרפן מיר זיך קלאָרמאַכן, אַז דאָס געלט איז נישט קיין רייכטום, נאָר אַ סימבאָל פון רייכטום. אייך וועט דאָס ווערן קלאָר, ווען איר וועט זיך גופא פאָרשטעלן אויף אַן אומבאַווינטער אינזל מיט אַ מיליאָן דאָלער אין קעשענע. צי וועט איר דאָרט זיין רייך? פאַרשטייט זיך, אַז נישט! און פונקט אַזוי דאַרף פאַר אייך זיין פארשטענדלעך, אַז קיינער ווערט נישט רייכער, ווען די מלוכה דרוקט אָפּ אַ נייע קופּע פּאַפּירן-געלט. נאַטירלעך, אויב איר אַליין וואָלט אָפּגעדרוקט דאָסדאָזיקע געלט און עס געלאָזט אין אומלויף, וואָלט איר געוואָרן רייכער; אָבער דאָסדאָזיקע רייכקייט וואָלט דערגרייכט געוואָרן דורכדעם, וואָס איר וואָלט אַראָפּגענומען אַ געוויסן פּראָצענט פון רייכטום פון אַנדערע. אין אומלויף וואָלט זיך באַוויזן מער געלט, און אויף אַזאַ אופן וואָלטן כּלערליי זאַכן געשטיגן אין פּרייז.

איך האָב דאָ אין אויג דאָס „פאַרשיטערן" די געלט-מטבע. ווען דאָס טוט די מלוכה, רופן מיר עס אָן אינפלאַציע, און איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס איז אַ באַליבטער טריק פון אַלע מלוכות, ווען זיי געפינען זיך אין אַ נויט. זיי דרוקן פּאַפּירן-געלט און גיבן עס אויס אויף דער דערוואַרבונג פון

יעטוועדן גוטס. אָבער וואָס מער זיי דרוקן עס, אַלץ ווייניקער ווערט די קראַפט פונם געלט-איינצל, צי דאָס איז אַ פראַנק, מאַרק, דאָלאַר א. ד. גל.

די באַנקירן שטעלן זיך נאַטירלעך אַקעגן מיט אַלע כּוחות קעגן אַזאַ מעטאָד פון באַרויבן די פאַרמעגלעכע. זייער פּראָטעסט איז באַגרינדעט אויף דערדאָזיקער פאָרשטעלונג, וואָס בעת די מלוכה דרוקט געלטער, ווערט זי זייער אייגנטימער, אינדערצייט ווען לויט דער מיינונג פון די באַנקירן, דאַרף דאָס גאַנצע געלט געהערן נאָר צו זיי. אין אונזער לאַנד האָבן זיי זיך דערשלאָגן זייערס, בּאַ אונז האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ סיסטעם, וואָס גיט די באַנקירן דאָס רעכט צו זיין גצזעצלעכע מטבע-פעלשערס.

איר דאַרפט פאַרשטיין, דזשעד, אַז בלויז לערך איין פּראָצענט פון דער מאָדערנער קאָמערץ ווערט דורכגעפירט אויף מזומן געלט, אויף גאָלד, זילבער אָדער פּאַפּירן-געלט. דאָס איבריקע — איז וועקסלען, התחייבותן, טשעקן א. א. וו. מיט איין וואָרט, פאַרשידענע קרעדיט-פאָרמען, און דער באַנקיר איז טאַקע דער מענטש, וואָס שאַפט דעמדאָזיקן קרעדיט. און ער שטעלט אים אייך פאָר אויף דעם פּרייז, וואָס אים געפעלט, באָכמער — זיין רעכט איז פאָרצושטעלן אייך דעם קרעדיט איבערהויפּט, אָדער אייך אָפּצוזאָגן דעמדאָזיקן. מעג אַפילו בּאַ אייך זיין וויפל נישט איז פאַרמעגן, וואָס איר וואָלט אים געקאָנט פאָרלייגן אַלס משכּון, קאָן ער אייך פּאָרט אָפּזאָגן דעם קרעדיט. און פון דער אַנדער זייט, קאָנט איר האָבן אין האַנט קוים די מינדסטע אָנווייזונג אויף דעם הלוואה-משכּון, און דאָך וועט איר באַקומען דאָס געלט בלויז דערפאַר, וואָס איר זענט, לאָמיר זאָגן, אַ קוזין פון איינעם פון די באַנק-דירעקטאָרן. דער באַנקיר גיט אייך אַרויס אַ טשעק-ביכל און איר לאָזט אייך אַוועק אויפן מאַרק און דאָרט איבערצייגט איר זיך, אַז אייער געלט, וואָס איז אויסגעפּעפערטיקט דורכן באַנקיר, איז פּונקט אַזוי גוט, ווי יעדעס אַנדערע געלט, ווי, למשל, דאָס קאָרן, וואָס איז אויסגעוואָקסן בּאַ די פעלדאַרבעטער, אָדער דאָס הויז, וואָס איר האָט אויפגעבויט.

אין תּוך באָרגט דער באַנקיר אויס דאָס געלט, וואָס די-

קליענטן האָבן אַריינגעלייגט אין זיין באַנק. נאָר ק׳קט ווייטער. איר, לאָמיר זאָגן, האָט אַריינגעלייגט אין באַנק אַ סומע פון 350 דאָלער, און דער באַנקיר קאָן, אין הסכם מיט אונזערע באַנק-געזעצן, אַריינטראָגן דידאָזיקע סומע אין דער „פעדעראַלע רעזערוו-באַנק" און באַקומען פאַר זיי קרעדיט אויף טויזנט דאָלער, און אויפן יסוד פון דידאָזיקע טויזנט דאָלער האָט דער באַנקיר דאָס רעכט אַרויסצוגעבן די קליענטן פון זיין באַנק הלוואות ביז צען טויזנט דאָלער.

מיט אַנדערע ווערטער, דידאָזיקע 350 דאָלער, וועלכע ס׳האָט אַריינגעטראָגן דער אָפּשפּאָרער, ווערן דער יסוד פון דער באַנק-הלוואָה שוין נישט אויף 350 דאָלער, נאָר 350 פּליוס 9650. דאָס מזומן, וואָס געפינט זיך אין אומלויף, לערך אַ דריטל מיליאַרד דאָלער, ווערט אַזוינאָך דער יסוד פון צען מיליאַרד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן באַנקיר. דערביי איז דאָס נוגע בלויז די באַציאָנאַלע בענק אַליין, שוין נישט רעדנדיק וועגן די בענק פון די באַזונדערע שטאַטן און פּריוואַטע.

דער הויפּט-שטאַב פון דאָזיקן גרעסטן אין דער וועלט און אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט שווינדלעריי איז וואָל-סטריט. דאָס געלט פון אַלע קליינע בענק גיסט זיך דאָ אַריין צוזאַמען מיט די אַסעקוראַציע-איינצאָלונגען פון די מענטשן, וואָס ווילן פאַרזיכערן זייערע פרויען און קינדער. דאָס אַלץ גייט צום דינסט פון די גרויסע באַנקירן, כדי זיי זאָלן קאָנען דרייען, ווי ס׳געפעלט זיי, מיטן מאַרק, אויפשרויפנדיק די פּרייזן. דערנאָך אַראָפּוואַרפנדיק זיי אויף אַזאַ אופן, אַז די אָנטייל-נעמער פון דאָזיקן ווערק זאָלן קאָנען אויסקויפן די התחייבותן, בעת זיי ווערן נידריק געשאַצט, און פאַרקויפן, ווען זיי זענען פעסט אין פּרייז.

דאָ קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע קאָלעקטיווע גיריקייט פון אַמעריקע, דאָ פאַרלירן די מענטשן דעם פאַרשטאַנד אויס תאווה נאָך שנעלע ריווחים; דאָ פאַרקויפן מענטשן די קאָסט-באַרקייטן, וועלכע זיי האָפן נאָך צוריק צו דערווערבן, און קויפן ווידער איין אויפן סמך פון ריווח, וועלכן זיי רעכענען צו באַ-קומען; דאָס פייער פון גיריקייט ווערט דאָ אָנגעגליט ביז

ווייס, ביז דאָס אַלץ צוזאַמען פּלאַצט נישט, פּונקט ווי אַן אײַבערגעבערענט שטיקל שטאָל.

די געשיכטע פון די אַמעריקאַנער פינאַנסן — דאָס איז די כראָניק פון אַ גאַנצער סעריע שרעקלעכע אויפטרייסלונגען, וואָס חזרן זיך איבער יעדע זיבן—צען יאָר. אינדערצײַט פון דידאָזיקע קריזיסן האָט זיך געטראָפן, אַז די באַנקירן האָבן אויך געליטן היזקות, ווי אַלע איבריקע. אָבער דערמיט האָבן זיי נישט געקאָנט שלום מאַכן, און זיי האָבן אַוועקגעזעצט זייערע עקספּערטן צו דער אַרבעט.

כדי זיך צו ראַטעווען בעת אַ קריזיס, מוזט איר אומבאַדינגט האָבן געלט — אַסאַך געלט און ווי מעגלעך שנעלער. אָבער ווו באַקומט מען געלט? נאַטירלעך, בײַ אונזער גוטן אַלטן פעטער סאַם *). און דערפאַר האָבן די באַנקירן צוגעטראַכט אַ וווּנדערבאַרע נײַע סכעמע: דעם „פעדעראַלן רעזערוו-סיסטעם". דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ נעץ פון קרייז-בענק, בראַש פון וועלכער עס שטייט אַ פאַרוואַלטונג פון דירעקטאָרן; איר חוב איז אָפּצוהיטן אונזער געלט-סיסטעם אין זין פון שיצן די אינטערעסן פון די באַנקירן, פונאַנדערטיילנדיק הלוואות אויף רעכטס און לינקס, ווען די באַנקירן ווילן, אַז דאָס געלט זאָל ביליקער ווערן, און פאַרקערט — פאָדערן דאָס אָפּצאָלן די חובות, ווען די באַנקירן זענען גרייט צוצוטרעטן צו דער רויבערײַ. און די הויפּט-אויפגאַבע פון דערדאָזיקער פאַרוואַלטונג — איז שאַרפזיכטיק צו פאָרשן, צי ס'אַנטשטייט נישט קיין פּאַניק, און דעמאָלט צו פאַרטיילן קרעדיט די גרויסע הייפיש, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען האַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, בעת אַלע אַנדערע גייען אַראָפּ צום גרונט.

אין זומער 1920 איז פאָרגעקומען אַ וואַקכאַנאַליע פון ספּעקולאַציעס, און דאַן האָט די פאַרוואַלטונג פון דער פעדעראַלער רעזערוו-באַנק באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף עמיצן „אויסרײַ-

---

*) אין די קאַריק טורן פון צפון-אַמע־יקע הערן די פאַרייניקטע שטאַטן אָפּט פאַרו עשטעלט אין געשטאַלט פון „פעטער כאַם" — א דארער פאַרשוין מיט אַ ש.י ק בערדל און אומפאַרמיידלעכן צילינדער אויפן קאָפּ.

ניקן", און דער גורל איז געפֿאַלן אויף די פֿאַרמערס, מחמת ווער קימערט זיך דאָרטן וועגן דידאַזיקע פּראָסטאַקעס. ווען צו אַ געוויסן באַנקיר, אַ מיטגליד פון דער געזעצגעבערישער פּאַלאַטע אין צפון-דאַקאָטע, האָט זיך געווענדט אַ דעלעגאַציע פון די פֿאַרמערס, האָט ער זיי געענטפֿערט בזו הלשון:

— טראָגט זיך אָפּ אַהיים און פֿאַרנעמט אייך מיט אייערע חזירים.

און אַזוי האָט די פֿאַרוואַלטונג פון דער פֿעדעראַלער רעזערוו-באַנק „געגעבן אַן עצה" די קלענערע פֿאַרמער-בענק נישט אויסצובאָרגן מער קיין געלט די פֿאַרמערס.

און דאָס איז געווען פולשטענדיק גענוג דערויף, אַז די פּרייזן אויף תבואה זאָלן קאַטאַסטראָפאַל פֿאַלן. און נאָך איידער ס'האָט זיך געענדיקט דער קריזיס, האָבן שוין 603,000 פֿערמערס אָדער איגגאַנצן פֿאַרלוירן זייערע פֿערמעס, אָדער זיי זענען פֿאַרבליבן אויף זיי מיט דער דערלויבעניש פון זייערע קרע-דיטאָרן. און בעמערקט, דזשעד, אַז איך ברענג אייך דאָ מלוכהשע סטאַטיסטישע דאַטן.

איר ווייסט געוויס, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין יענעם יאָר מיטן גערעטעניש? די פֿערמערס פון מיטל-מערב האָבן געברענט קוקורוזע אָנשטאָט קוילן, און דאָ, אין דרום-קאַלי-פֿאָרניע, האָט דער צונויפֿזאַמל פון פֿאַמעראַנצן און ציטרינען נישט געלוינט די הוצאות. אָבער דערפֿאַר זענען די פּרייזן אויף אויטאָמאָבילן, אייזנוואַרג, בוימאַטעריאַל און צעמענט לגמרי נישט אַרונטערגעפֿאַלן קיין ענלעכע איבערקערעניש. די גרויסע בענק פון וואָל-סטריט האָבן געהאַט כּלערליי קרעדיטן, און זיי האָבן אונטערגעהאַלטן זייערע פריינט, ד. ה. די גרויסע פֿאַ-בריקאַנטן, וועלכע באַהאַלטן זייערע אַקציעס און התחייבותן אין די באַנק-אוצרות. דידאָזיקע לייט זענען פֿעסט געזעסן אויפֿן אָרט און געוואַרט, ביז ס'וועט זיך אַריבערטראָגן דער שטורעם. ווען מיר וועלן ווידער גרייט זיין צו קויפֿן זייער סחורה צו לעגענדאַרע פּרייזן.

אַזוינאָך, דזשעד, זעט איר, וואָס איך פֿאַרשטיי אונטער די ווערטער „געזעצלעכע מטבע-פֿעלשערס". דאָס רעכט צו שאַפֿן יעם קרעדיט — איז די מעגלעכקייט צו פֿאַרשיטערן דאָס

געפֿט-אײנצל, און דאָס ווערט געטון בלויז מיט איין פעדער-שטריך. אַלע רויבערס, אײנברעכערס און וועלט-דעראָבערער, וועלכע ס'האָט נאָר געקענט די געשיכטע, האָבן קײנמאָל נישט אָװעקגעטראָגן אַזאַ רויב, ווי עס האָט פֿאַרכאַפּט די פֿאָנדן-בערזע פֿון וואָל-סטריט בײַם אַמעריקאַנישן פֿאָלק בלויז דורכדעם, וואָס זי האָט אויסגענוצט דידאָזיקע מעגלעכקייט. אין דאָזיקן געדענקווערדיקן יאָר 1920 האָט דער פעדעראַלער רעזערוו-סיסטעם אַרויסגעצויגן פֿון די קעשענעס פֿון אונזערע פֿערמערס פֿיר מיליאַרד דאָלער.

פֿערטער בריוו

מײַן טײַערער דזשעד!

מיר וועלן זיך נעמען צום שטודיום פֿון אונזער געלט-סיסטעם, כּדי צו פֿאַרשטײן, ווי אַזוי ער דערפֿירט דערצו, אַז די רײַכע ווערן רײַכער, און די אָרימע — אָרימער.

דאָס געלט אין זײַן פֿאַרהעלטעניש צו די פּרײַזן פֿון סחורות שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מין וואָג אין גלײַכגעוויכט. אויב איר וועט עפּעס צולײגן אויף דער רעכטער שאָל פֿון דער וואָג, וועט זי זיך אַראָפּלאָזן אונטן, און דאָסזעלביקע געשעט, אויב איר וועט צולײגן וועלכעס ס'איז לאָדונג אויף דער צווייטער שאָל.

לאָמיר אָננעמען, אַז איין מעסטל ווייץ קאָסט אַ דאָלאַר. אויב ס'געשעט עפּעס אַזוינס, צוליב וועלכן דער סכום ווייץ אין דער וועלט פֿאַרטאָפּלט זיך, טאָ פֿאַלט זײַן פּרײַז ביז אַ האַלבן דאָלאַר פֿאַר אַ מעסטל. פֿון דער אַנדער זײַט לאָמיר אָננעמען, אַז דער סכום ווייץ אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך נישט געענדערט, נאָר דערפֿאַר האָט דער וועלט-זאַפּאַס פֿון געלט זיך פֿאַרקלענערט אויף אַ העלפֿט — דאַן וועט ווידעראַ-מאָל דער פּרײַז אויף ווייץ פֿאַלן ביז אַ האַלבן דאָלאַר פֿאַר

א געסטל. אויף אזא אופן, פארקלענערנדיק דעם געלט-זאפאס, פארקלענערט איר די פרייזן, מחמת דערמיט גופא הויבט איר אויף די קויפקראפט פונם געלט-איינצל. פארגרעסערנדיק דעם געלט-זאפאס, פארגרעסערט איר די פרייזן און דערמיט גופא מאכט איר נידריקער דעם ווערט פונם געלט-איינצל.

אין אונזער לאנד טיילט זיך דאס פאלק אין צוויי קלאסן: אויף דייעניקע, בא וועמען ס'איז דא געלט, און אויף דייעניקע, בא וועמען ס'איז נישטא קיין געלט. אנדערש גערעדט, אויף א קלאס בעלי-חובות. קלאר דערפאר, אז די אינטערעסן פון דידאזיקע צוויי קלאסן געפינען זיך אין כסדרדיקער סתירה, קוים איז עס נוגע די פראגע, וויפל געלט ארויסצולאזן אין אומלויף. אויב דער געלט-זאפאס ווערט גרעסער, ווערט דאס געלט ביליקער, די שכירות הויבט זיך אויף און ס'ווערט לייכטער אפצוצאלן די חובות. אבער דאן האט היזק דער מלווה, מחמת ער קאן נישט קויפן אזויפיל סחורות, וויפל ער האט גערעכנט קויפן פריער פאר יענער סומע, וועלכער ער באקומט אלס אפצאל פון חוב.

אזוינאך קומט אויס, אז די מלוכה, ארויסלאזנדיק אין אומלויף מער געלט, פארקלענערט זי דערמיט גופא דעם פראצענט פון הלוואות. פון דער אנדער זייט, אויב דער סכום פון ארויסגעלאזטן געלט פארקלענערט זיך, ווערט שווערער עס צו באקומען און מ'קאן פאר זיי דערווערבן מער סחורה. אין אזא פאל וועט דער קרעדיטאר באקומען מער, ווי עס קומט אים אינגדעראמתן, און פיל בעלי-חובות גייען צוגרונט, ווייל זיי זענען נישט אימשטאנד צו צאלן דעם עודף.

אין משך פון אונזער גאנצער געשיכטע זעען מיר דעם שטרייט צווישן דידאזיקע צוויי קלאסן. דעריעניקער צד, וואס נעמט אין די הענט די רעגירונגס-לייצעס, אפערירט מיטן געלט-זאפאס אזוי, ווי ס'איז אים באקוועם. און וועלכער קלאס האט ביזן היינטיקן טאג געהערשט? פארשטייט זיך, די רייכע, וועלכע האבן געלט דערויף, כדי צו סובסידירן די פאליטישע פארטייען און דורכצופירן זייערע קאנדידאטן בא די וואלן.

און אט וויל איך אייך, דזשעד, ברענגען א כלל, וואס איז נוגע אייער פאליטיק, איך ראט אייך פון צייט צו צייט צו

דערמאָנען זיך אין אים, ווען איר וועט זעגן ברעטער אָדער מישן קאַלך.

באַ פּופּצען פּרעזידענט-וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם בירגער-קריג, האָט אין פערצן פאַלן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון יענע פּאַרטיי, וועלכע האָט דיספּאָנירט מיט אַ גרעסערן וואַל-פאָנד.

דער קאַמף האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם אַזויגע-רופענעם „גאָלד-סטאַנדאַרט". מ'נעמט אָן, אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס אונזער מלוכה לאָזט אַרויס, דאַרף פאַרביטן ווערן אויף גאָלד. ביזן יאָר 1873 האָט זיך דאָס זילבער אויך גערעכנט פאַר אַ סטאַנדאַרט-איינצל, אָבער אין יענעם יאָר איז דאָס זיל-בער געווען, אַזוי צו זאָגן, „צוריקגעצויגן" און, נאַטירלעך, איז דאָס געלט געוואָרן ווייניקער. דידאָזיקע עובדה פון דעם מלווים-קלאַס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „פאַרברעך פון יאָר 1873". דאָס האָט אַרויסגערופן אַ ווילדע פאַניק, צענטליקער טויזנטער מענטשן זענען צוגרונט געגאַנגען, און הונדערטער מענטשן האָבן פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. און היות ווי אָרימקייט געבוירט אָרימקייט, טאָ בלייבט די רי-זיקע מאַסע קינדער פון דידאָזיקע צוגרונטגעגאַנגענע מענטשן ווי פריער אביונים; אין דער קירך זאָגט מען זיי, אַז אַזוי איז דער ווילן פון גאָט, און די צייטונגען שרייבן, אַז אַזוי זענען די געזעצן פון דער עקאָנאָמיק.

אין יאָר 1893 האָבן מיר איבערגעלעבט אַ נייעם קריזיס. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל, אָבער כ'געדענק זייער גוט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. מיליאָנען מענטשן זענען געבליבן אָן אַרבעט און זענען בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער; די אומצופרידנקייט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג; דריי יאָר שפּע-טער האָט בריאַן אָנגעהויבן אַ קאָמפּאַניע פאַרן „פרייען זיל-בער". אין יענע צייטן האָב איך זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן איבער פּאָליטיק, און אויב איך באַצי זיך איצט מיט נענוג געדולד צו דער מאַסע פאַרנאַרישטע אַרבעטער און בויערים אונזערע, וואָס שטימען פאַר „קולידזשן און דעם אויפ-

בלי", טאָ איז עס נאָר דערפאַר, וואָס איך געדענק אויסגעצייכנט, אַז איך אַליין בין אין יאָר 1896 געווען פאַרנאַרישט אין אַזאַ מאָס, אַז ווען כ'וואָלט דאַן געווען פּאָליטיקער, וואָלט איך געווען געשטימט פאַר „מאַק-קינלעי און דעם אויפבלי".

מאַרק האנא, אַן אויסגעלאַסענער מיליאָנער, אַ קולאַקמיליאָנער, אָפּצאָלנדיק אַלע פּערזענלעכע חובות פון מאַק-קינלעי און מאַכנדיק פון אים אַ מאַריאָנעטקע-פּרעזידענט, האָט צונויפגעזאַמלט צום דורכפירן די וואַל-קאָמפּאַניע 16,750,000 דאָלער און געקויפט אַ פּרעזידענטן-שטול פאַר זיין מאַריאָנעטקע פּאָלשטענדיק אָפן און אָן שום זשענירן זיך. ברייאַן ווידער, דיספּאָנירנדיק מיט אַ וואַל-פאָנד פון 675,000 דאָלער, האָט זיך, נאַטירלעך, נישט געקאָנט דערשלאָגן דורכצופירן זיין פּלאַן וועגן „פרייען זילבער", וואָס וואָלט געגעבן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוצאָלן בײַ די באַנקירן מיט אַ האַלבער סומע.

אַזוינאָך זעט איר, אַז נאָר אַזעלכע מיני מאַכערייען פון מענטשן האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט די רייכע צו ווערן רייכער, און די אָרימע געלאָזט בלייבן אין אָרימקייט. און גאָט איז דאָ די נשמה שולדיק — שוין-זשע גלויבט איר, דזשעד, אַז גאָט פאַרנעמט זיך מיט אָפּקויפן שטימען פאַרן מיליאָנער מאַרק האַנאַ?

אויב דער „גאָלד - סטאַנדאַרט" וואָלט געבליבן אין אַזאַ לאַגע, ווי דאָס איז געווען ביזן יאָר 1896, טאָ וואָלט זיך איצט אין די הענט פון די באַנקירן געפינען דאָס גאַנצע רייכטום פון אונזער לאַנד. דערצו האָבן זיי טאַקע געשטרעבט. נאָר ס'איז געשען עפּעס אומפאָרויסגעזעענס: ס'זענען אַנטדעקט געוואָרן נייע גאָלדשאַכטן, און אין דערזעלביקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די באַאַרבעטונג אין אַ ברייטן מאָסשטאַב פון די גאָלד-רודעס מיט אַ נידריקן אַנטהאַלט פון מעטאַל. און אַדאַנק דעם האָבן מיר באַקומען גראָד דאָס, צו וועלכן ס'האָט געשטרעבט ברייאַן — מער געלט אין אומלויף. בלויז צוליב אָטדער סיבה האָבן די באַנקירן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט נאָר אַ דריטהלק פון אונזער גאַנצן רייכטום, און אויך משכנות אויפן צווייטן דריטל. דערצו האָבן זיי זייער פעדעראַלן רעזערוו-סיס

טעם, מיט דער היקף פון וועלכן זיי מאניפולירן לויט זייער באַגער מיטן געלט-זאַפּאַס. זיי קאָנען היינט איבערגיין אויף „פרייען זילבער", און צומאָרגנס זיך אומקערן צום „גאָלד-סטאַנדאַרט", און ווען ס'וועט אויסברעכן דער פּעריאָדישער קריזיס, וועלן זיי נישקשהדיק אָנשטאָפּן זייערע קעשענעס.

צווישן אַנדערן דאַרף מען אייך זאָגן, טייערער דזשעד, אַז דער „גאָלד-סטאַנדאַרט" איז פּאַקטיש נאָר איין דערי-נערונג, אָנהויבנדיק פון דער וועלט-מלחמה. דערדאָזיקער שפּיל האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס ער איז געווען מתּחילת, און קיין שום בר-דעת וועט נישט פאַרזיכערן, אַז מ'וועט קאָנען ווען ס'איז אָפּצאָלן אַלע וועלט-חובות, צי דאָס זאָל זיין מיט גאָלד, אָדער מיט עפּעס אַנדערש. אויף די באַנקנאָטן פון אונזער פעדעראַלן רעזערוו-סיסטעם, פון וועלכע ס'באַשטייט אַ גרויסע טייל פון אונזער פּאַפּירן-געלט, רעדט זיך שוין נישט וועגן אויסבייטן זיי אויף גאָלד אָדער עפּעס אַנדערש. טוט אַ קוק און איבערצייגט אייך אַליין. פּאַראַן בא אונז די אַזויגערופענע זילבערנע סערטיפיקאַטן, וועלכע פאַרפליכטן זיך אויסצובייטן אייך דעם פּאַפּירענעם דאָלער מיט זילבער-געלט, אָבער די איבריקע זאָגן גאָרנישט צו. איין סאָרט פּאַפּירן ווערט אָנגעלייגט אויפן צווייטן אין דער פאָרם פון אַקציעס, התחייבותן, וועקסלען, טשעקן א. ד. גל. — דאָס אַלץ פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער געלט-מטבע און ווערט די באַזע פאַר נייע חובות און פאַר נייע הלוואות. די גרינע באַנקנאָטן, וועלכע געפינען זיך בא אונז אין אַ סומע פון לערך אַ דריטל מיליאַרד, ווערן אַ יסוד פאר צען מיליאַרד אילוזאָריש געלט. דאָ אהער דאַרף מען צוגעבן לערך דריי מיליארד פּאַפּירן-געלט פון דעם פעדעראַלן רעזערוו-סיסטעם און ארום א מיליארד פון מלוכה-באַנקנאָטן, און דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום פאַרזיכערונג אחוץ ווידער-אמאָל פּאַפּירן. מ'דאַרף אויך נישט אריבערגיין מיט קיין שטיל-שווייגן איבער די מלוכהשע הלוואות אויף 25 מיליארד דאָלער, שוין נישט רעדנדיק וועגן די שטאַט- און ראַיאָנען-הלוואות און די 19 מילארד, וועלכע ס'זענען אונז שולדיק די אנדערע מלוכות. און אָט-די אלע פּאַפּירן האָבן די בענק אָנגעלאָדן אויף אונז. יעדעס יאָר זענען מיר מוסיף אַ מיליארד דאָלער צו אונזער

קרעדיט פאר די אויסלענדער צוליב דערדאָזיקער פשוטער סיבה, וואָס מיר זעמיר נישט אימשטאַנד אַנדערש צו פירן אונזער אינדוסטריעלער ווירטשאפט. נאָך ווייניק דאָס, האָבן מיר אויס־געארבעט אַ סיסטעם, לויט וועלכן מיר פארקויפן אויטאָמאָבילן, הייזער און מעבל אויף אויסצאָל אין ראטעס, וואָס מאכט אויס אין אלגעמיינעם סך־הכל זעקס אָדער זיבן מיליאַרד קרעדיט, און דאָס אלץ האָט הינטער זיך די שטיצע פון דער באנק.

אָט ווי ס׳זעט אויס אונזער בארימטער באנק־סיסטעם. איר זעט אויף יעדן טריט, אז דער באנקיר צאָלט א זייער נידריק פראָצענט פאר דעם געלט, וואָס ער נעמט צו און פרעסט אויס זייער הויכע פראָצענטער פאר יענעם געלט, וואָס ער באָרגט אויס. אויף יעדן טריט איבערצייגט איר אייך דערין, אז די מלוכה געהערט די באנקירן, אז נישט בלויז קאסירט זי פאר זיי איין די חובות, נאָר באשטימט אויך הויכע פראָצענטער — צום שאָדן נישט בלויז פון אייערע אינטערעסן, נאָר אויךפון אירע אייגענע.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געסטארעט צענטליקער יארן, האָבן מיר ענדלעך באקומען פאָסט־שפּאָרקאסעס צו באשיצן די גראָשנס פון די אָרימעלייט. די מלוכה צאָלט דו אָרימעלייט איינגאנצן צוויי פראצענט א יאר; אויב זי בארגט אבער געלט בא די באנקירן, צאלט זי זיי פון 3 מיט א האלבן ביז 5 מיט אַ פערטל פראָצ.

פאַר דיזעלביקע באַנקנאָטן פון פעדעראַלן רעזערוו־סיסטעם, וואָס די מלוכה דערלויבט די גרויסע באַנקירן אויסצולייען אייך, צאָלן די בענק דער מלוכה 2 מיט אַ האַלבן פראָצענט. און סאַראַ פראָצענט נעמט די באַנק פון אייך? איך, למשל, צאָל זיבן, און ס׳האָט זיך אויך געטראָפן, אַז כ׳האָב געצאָלט אַכט.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין אונזער פּאָליטיק פאָר־געקומען אַן אומוואַרשיינלעכער פאַל. אויפן פּאָסטן פון מלוכה־קאָנטראָלער האָט זיך באַוויזן אַן ערלעכער מאַן. דערדאָזיקער מענטש האָט געדאַרפט קאָנטראָלירן די בענק, אָבער ער האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד דאָס אויס־צופירן, און זיי האָבן זיך געאיילט פון אים פטור צו ווערן. אָבער איידער ער איז אַוועק, האָט ער איבערגעלאָזט אַ באַ־

דיכט, וואָס וואָלט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער פאַקטישער זאַכלאַגע, ווען די צייטונגען וואָלטן זיך נאָר נישט געווען אָפּגעזאָגט אים אָפּצודרוקן. דערדאָזיקער קאָנטראָלער האָט דערקלערט פאָלגנדיקס:

„לויט די דערקלערונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די בענק גופא, שטעלט זיך אַרויס, אַז אין יאָר 1915 האָבן זיך פון דער אַלגעמיינער צאָל 7613 בענק 2743 פאַרנומען מיט ליכווע. און דאָס איז פאָרגעקומען גראָד אין אַזאַ צייט, ווען די בענק פון פעדעראַלן רעזערוו-סיסטעם האָבן פאָרגע־לייגט די נאַציאָנאַלע בענק וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט געלט, נעמענדיק פון זיי נאָר צו 3 מיט אַ האַלבס ביז 5 פראָצענט.

אין שטאַט אָקלאַהאָמאַ, ווו דאָס געזעץ דערלויבט צו נעמען נאָר 6 פראָצ. און מאַקסימום, לויט אַ באַזונדערן אָפּ־מאַך, 10 פראָצ., האָבן די פערמערס, צוגעשפּאַרטע צו דער וואַנט, געצאָלט פון 12 ביז 2400 פראָצ. און אין דורכשניט לערך 40 פראָצ.

דער קאָנטראָלער האָט דערוויזן, אַז קיין שום באַנק האָט, למשל, קיין איינמאָל נישט אויסגעליִיט ווען נישט איז קיין געלט לויטן חשבון פון ווייניקער ווי 15 פראָצ. אַ יאָר.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דערדאָזיקער פאַל. אַ געוויסער פערמער איז אַוועק פרילינגצייט אין באַנק און אַנט־ליִיט 200 דאָלער. שפּירנדיק אַ געוואַלטיקן דוחק אין געלט, האָט ער געמוזט מסכּים זיין אָפּצוצאָלן 55 פראָצ. ווען ס'איז אָנגע־קומען דער צאָל-טערמין, איז ער נישט אימשטאַנד געווען צו דעקן דעם חוב און געמוזט מסכּים זיין אויף 100 פראָצ., אַבי מ'זאָל אים נאָר אָפּלייגן דאָס צאָלן. באַם צווייטן מאָל אָפּלייגן האָבן זיי אים געצווונגען מסכּים צו זיין אויף 125 פראָצ. און אַזוי איז דאָס פאָרגעזעצט געווען במשך פון פיר יאָר, דערביי האָט דער פערמער, זיין פרוי און זעקס קינדער, וויפל זיי האָבן זיך נישט געמיט, נישט געקאָנט אָפּצאָלן די גאַנצע סומע פון דער גרונט-הלוואה.

דער סוף איז געווען, אַז אין איינעם שיינעם טאָג האָט זיך די באַנק פּלוצלינג באַוויזן און פאַרקויפט די פערמע מיטן האַמער. דעם אומגליקלעכן איז אויסגעקומען צו נעמען זיך פאַר

די אַרבעט ערגיצוו אויף אַ זומפּ, און ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. און די קרייז-מאַכט האָט אים באַגראָבן אויף איר חשבון.

איר וועט פרעגן, סאַראַ נוצן האָבן די בענק פון אַזאַ עקספּלואַטאַציע? אָט האָט איר אַן ענטפער.

די ערשטע ניו-יאָרקער נאַציאָנאַלע באַנק האָט געהאַט אין יאָר 1925 140 פּראָצענט ריווח; די אַקציעס פון דערדאָזיקער באַנק זענען פון דעם לכתחילהדיקן פּרייז 100 דאָלער געשטיגן ביז 2750. לויט די ידיעות פון אַ געוויסער בערזעצייטונג, האָבן 49 ניו-יאָרקער בענק געהאַט אין יאָר 1925 50 פּראָצ. ריווח פון גרונט-קאַפּיטאַל.

און אָט, טייערער דזשעד, נאָך עטלעכע אמתן, וועלכע איך ראַט אייך זיך אויסצולערנען זיי אויף אויסנווייניק.

דער ערשטער: קרעדיט—דאָס איז די לעבנס-ענערגיע פון דער גאַנצערווירטשאַפט, און דער קאָנטראָל איבערן קרעדיט איז אַ קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפט.

דער צווייטער: דער קאָנטראָל פון פּריוואַטע פּערזאָנען איבערן קרעדיט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די מאָדערנע פאָרם פון שקלאַפעריי.

דער דריטער: דער אַמעריקאַנער באַנק-סיסטעם איז די אַמייסטן פּאַרפולקאָמטע דערפינדונג, וואָס איז ווען נישט איז צוגעטראַכט געוואָרן דורכן מענטשלעכן שכל מיטן צוועק נאָך רייכער צו מאַכן די רייכע און נאָך אָרימער צו מאַכן די אָרימע.

פינפטער בריוו

מײַן טײַערער דזשעד!

איצט שטייט באַ אונז די פראַגע וועגן צאָל. איך וויל אײַך אויפקלערן, ווי אַזוי מיט דער הילף פון צאָל גייט דאָס געלט פון די קעשענעס פון די אָרימעלײַט אַריבער אין די קעשענעס פון די גבירים.

די מלוכה, ווי יעדע אַנדערע אונטערנעמונג, דאַרף דיספּאָנירן מיט געלט. מיר אַלע נוצן זיך אין די טובות פון דער מלוכה, און אַלע דאַרפן מיר צאָלן אונזער חלק — פאַרשטייט זיך, ערלעך און אָפן אויסגערעכנט. אָבער באַ אונז איז נישטאָ קיין ערלעכע רעגירונג — פונקט אַזוי ווי ס׳איז נישטאָ קיין ערלעכער סאָציאַלער סדר. קיינער וויל נישט צאָלן זײַן חלק פאַר וואָס ס׳זאָל נישט זײַן, און די שטײַערן געניסן באַ קיינעם נישט קיין פּאָפּולאַריטעט. און דערפאַר האָבן די פּאָליטיקער, אַרבעטנדיק פלײַסיק מיט די מוחות, דערפונדן די אַזוי גערופענע אומדירעקטע שטײַערן, אַנדערש גערעדט, אַ מיטל דערויף, כּדי אַרויסצובאַקומען פון אײַך געלט אָן אײַער וויסן. צו דידאָזיקע טאַקע מיטלען פון אויספּרעסן געלט געהערט אויך דער שוץ־טאַריף.

דער שוץ־טאַריף האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פראַגע פון אומגעווײַנלעכער וויכטיקייט אין די טעג פון פּרעזידענט מאַק־קינלעי, און איך געדענק אויסגעצייכנט די אַלע לאָזונגען, וואָס זענען געווען דערפונדן דערויף, כּדי אַרײַנצופירן אין אַ טעות די אָרימעלײַט און באַקומען זייערע שטימען. „שוץ־טאַריף און אויפבלי, זאָלן די אויסלענדער צאָלן שטײַערן!" אָט־דאָס לעצטע איז אונז מער ווי אַלץ געפעלן געוואָרן. מיר האָבן תּמיד פײַנט געהאַט די אויסלענדער און געברענט פון באַגער זיי צו צווינגען צאָלן — הגם, פאַרוואָס די אויסלענדער זענען

מחויב צו געבן געלט אויף אויסצוהאַלטן די מלוכה פון די פאַרייניקטע שטאַטן, איז אַ פראַגע, איבער וועלכער מ׳דאַרף זיך פאַרטראַכטן.

דער צאָל — דאָס איז אַ שטייער, וואָס ווערט אַרויפגע־לייגט אויף אַלע סחורות, וועלכע ווערן אַריינגעפירט אין אונ־זער לאַנד. דער שוץ־טאַריף — דאָס איז אַזאַ הויכער שטייער, וואָס שליסט אויס די אויסלענדישע קאָנקורענץ, מחמת ער הויבט אומגלויבלעך אויף דעם ווערט פון די אַריינגעבראַכטע סחורות. ווער צאָלט דעמדאָזיקן שטייער? אים צאָלט טאַקע דער אימ־פּאָרטער, וואָס הויבט גלייך דעם פּרייז אויף דער סחורה, און אַזוינאָך צאָלט פאַקטיש דעם שטייער דער קאָנסומענט, וואָס קויפט בײַ אים די סחורה. דער קאָנסומענט — דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס צאָלט תּמיד און פאַר אַלץ, און דער שוץ־טאַריף פירט נאָר דערצו, וואָס ער שרויפט־אויף די פּרייזן אויף אַ גאַנצער ריי זאַכן פון ערשטער נויטווענדיקייט. אויב די מלוכה וואָלט, באַקומען די אַלע מותרות, וואָלט דאָס נישט געווען אַזוי שלעכט, אָבער אינדערעמתן באַקומט די מלוכה בלויז אַ נישטיקן טייל, דאָס גאַנצע איבריקע גייט אין די קעשענעס פון „געשיצטן” פאַבריקאַנט.

און דאָך פאַרזיכערן די צייטונגען און די געדונגענע רעדנערס פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, אַז דער שוץ־טאַריף שיצט הן דעם אַרבעטער, הן דעם באַלעבאָס. ווען נישט דער טאַריף, וואָלט אונזער אַרבעטסלוין אַראָפּגעפאַלן, זאָגן זיי, צו דער אייראָפּעישער מדרגה. באשר די אויסלענדער, וואָס זענען געוווינט צו אַרבעטן פאַר גראָשנס, וואָלטן אונז פאַרפלייצט מיט זייערע סחורות.

מ׳דאַרף אייך זאָגן, דזשעד, אַז אויב דער אַרבעטער וואָלט געפּרוווט צו פאַרבעסערן זיין לאַגע מיט דער הילף פון טאַריף, וואָלט ער געווען ענלעך צו אַ מענטש, וואָס באַמיט זיך רייך צו ווערן, איבערלייגנדיק דאָס געלט פון איין קעשענע אין דער צווייטער.

איר פאַרשטייט דאָך, דזשעד, אַז אָפּאַרבעטנדיק אויף אייער „געשיצטן” אָרט און באַקומענדיק אייער „געשיצטן” אַרבעטס־לוין, גייט איר אין מאַגאַזין אַריין און דאָרט פאַרלירט איר

אייער געלט, צאָלנדיק פאַר אַלץ הויכע פרייזן, מחמת איטלעכע זאַך איז „געשיצט” פון אויסלענדישער קאָנקורענץ, און די פאַבריקאַנטן, וואָס אַרבעטן אויס דידאָזיקע זאַכן, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין טרעסטן און דערפאַר האָבן זיי די מעגלעכקייט צו באַשטימען אַזעלכע הויכע פרייזן, ווי זיי ווילן. דערביי זענען די פרייזן תּמיד העכער פאַר דעם ניוואָ פון אַרבעטסלוין. דאָס אַלץ האָב איך שוין דערקלערט, בעת ס'איז געווען אַ רייד וועגן דער באַוועגונג פון אַ רעאַלן אַרבעטסלוין אין אונזער לאַנד.

און איצט, נאָכפאָלגנדיק דעם ביישפּיל פון דער רעפּובּליקאַנישער פאַרטיי, דערלויבט אַרויסצוטראָגן אייך דעם לאָזונג:

דער שוץ-טאַריף האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם אַרבעטסלוין פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַר די לעצטע 35 יאָר אויף 5 פּראָצ.

און ווי זעט עס אויס בּאַ די פּערמערס? דער פּערמער געניסט נישט פון קיין באַשיצונג פון זיין פּראָדוקציע, און אים קומט אָבער אויס צו קויפן אַ גרויסע צאָל פאַבריקאַטן אויף „שוץ”-פרייזן. געבנוג אַ קוק צו טון, וואָס ס'זאָגט די מלוכה-סטאַטיסטיק וועגן וווקס פון דער צאָל התחייבותן אויף די פּערמעס פון יאָר 1890 ביז 1920. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע ציפערן זענען אַן אומאָפּוועגדבּאַרער באַוויז, מחמת דער פּערמער איז נישט דערפאַר מסכּים צו געבן דעם באַנקיר אַ התחייבות אייף זיין פּערמע, וואָס ער האָט זייער ליב דעם באַנקיר, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס דער ווערט פון אינהאַלט פון דער פּערמע שטייגט איבער דעם ריווח, וועלכן דער פּערמער באַקומט פון זיין ערד. אין יאָר 1890 איז בּאַ אונז געווען 27,8 פּראָצ. פּערמעס אונטער התחייבותן און אין יאָר 1920 שוין 37,2 פּראָצ. און דערפאַר האָט איר דאָ נאָך אַ לאָזונג:

דער שוץ-טאַריף פאַר די לעצטע 30 יאָר האָט אויפגעהויבן אויף 33 פּראָצ. די שקלאַפּישע אָפּהענגיקייט פון די פּערמערס פון די באַנקירן.

איצט וועלן מיר אַ בליק טון, סאַראַ ווירקונג האָט געהאַט דער שוץ-טאַריף אויף אונזער פּאָליטיק. אויף דערדאָזיקער פּראַ-

גע איז אויך לייכט צו ענטפערן. דער שוץ-טאַריף האָט פאַר-
וואַנדלט אונזער פּאָליטיק אין אַ פוטבאָל-באַלעם, וואָס ווערט
געשליידערט דורך די קאָנקורירנדיקע גיריקע קאַפּיטאַליסטן.
אונזער רעגירונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פעטן אויסטער,
וועלכן זיי צעשניידן און פרעסן אויף די באַנקעטן בײַ אונזערע
טרעסט-לייט. אַלע יוצר-משרתים פון די גרויסע פאַבריקאַנטן
שמייען אַרום אין די וואַשינגטאָנער אויפנאַמזאַלן מיט קעשענעס,
אָנגעשטאָפּטע מיט גאָלד — ספּעציעל אויף שוחד, און אונזערע
קאָנגרעס-מיטגלידער און סענאַטאָרן זענען אין כולן זין גע-
גליכן צו די חזירים, וואָס שטופן זיך אַרום דער קאָריטע. אַלע
אונזערע פּאָליטישע קאָנפערענצן — זענען נישט עפּעס אַנדערש,
ווי בופעטן, הינטער וועלכע די קאַנדידאַטן אויף רעגירונגס-
מיטגלידער דינגען זיך מיט די טרעסט-אַגענטן, פאַרקויפנדיק צו
די לעצטע זייער ערע און פאָלקס-אינטערעסן.

ווען ס'הויבט זיך אָן אַ וואַל-קאַמפּאַניע, קלייבן די „גע-
שיצטע" פאַבריקאַנטן צונויף גרויסע פאָנדן, און דאַן דעלעק-
טירן מיר זיך מיט פייערווערקן, פּראָצעסיעס. פּענער און משוגע-
נע „הוראַ"-אויסגעשרייען; די שטימענדיקע, ענלעך צו שעפּסן,
וואַנדערן צו די וואַל-אורנעס, ווו זייערע שטימען ווערן
אָפּגעקויפט פאַר אַ באַשטימטן פּרייז — צו צוויי דאָלער פאַר
איטלעכן שעפּס.

כ'בין איינשטימיק מיט אייך, דזשעד, אַז מתחילת, ווען
אונזער אינדוסטריע האָט זיך נאָך געפונען אין די וויקעלעך
און זיך געניטיקט אין הילף, איז געווען זייער שכלדיק צו
שיצן זי דורך צאָל-טאַריפן. אָבער וואָס וועט איר זאָגן איצט,
ווען דידאָזיקע צאַרטדערצויגענע אינדוסטריע איז אויסגע-
וואַקסן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גזלן אויפן גרויסן שליאַך
און שלאָגט אונז מיטן שטעקן איבערן קאָפּ?

ווי איר ווייסט, האָט זיך אונזער לאַנד אין יאָר 1917
אַריינגעמישט אין דער מלחמה, כדי „איינצושטעלן אין דער
גאַנצער וועלט די התחלות פון דעמאָקראַטיע". ס'האָט זיך אויס-
געדוכט, אַז ס'איז אָנגעקומען די פּאַסיקסטע צייט פאַר די „גע-
שיצטע" קאַפּיטאַליסטן צו ברענגען קרבנות אויפן מזבח פון
פאָטערלאַנד. אָבער דערלויבט אייך צו ברענגען עטלעכע ציפערן

אויס דער סטאַטיסטיק פון פינאַנץ-מיניסטעריום, וואָס ווייזן די ריווחים פון די קאַפּיטאַליסטן פאַרן ערשטן יאָר פון מלחמה. איין טעקסטיל-פאַבריק, פאַרבאָרגנדיק זיך הינטער דער זאָרגעוודיק אויפגעשטעלטער וואַנט פון שוץ-טאַריף, האָט באַקומען 1770 פּראָצ. פון גרונט-קאַפּיטאַל. אויב ס'איז אייך נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָס דאָס באַטייט, וועל איך אייך אויפקלערן. לאָמיר אָננעמען, אַז איר האָט אויפגעבויט אַ הויז, וואָס איז ווערט געווען 1000 דאָלער, און עס פאַרקויפט פאַר 18700. אָט־דאָס איז עס די 1770 פּראָצענט ריווח.

לויט די חשבונות פון 17 טעקסטיל-פאַבריקן, האָט זייער ריווח פאַר איין יאָר אויסגעמאַכט 100 פּראָצ. פון גרונט-קאַפּיטאַל. אנדערש גערעדט, די אקציען-באַזיצער האָבן פאר איין יאָר אָפּגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן אריינגעלייגט אין דאָזיקן געשעפט. די מעכטיקע אמעריקאנישע וואָל-קאָמפּאַניע, מיט אַ גרונט-קאַפּיטאַל פון 60,000,000 דאָלער. האָט געהאַט 28,560,342 דאָלער ריינעם ריווח. די קאָנסערוון-פאַבריקאַנטן, וואָס זענען געשיצט דורכן טאַריף, האָבן געהאַט ביז 2032% ריווח. אין אנדערע צווייגן, אויך געשיצטע דורכן טאַריף, איז דער ריינער ריווח דערגאַנגען ביז 9821 פּראָצ. און איין שטאָל-פאבריק האָט אדאַנק דעם שוץ-טאַריף געהאַט ריווח 290,999%. איר וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז אַ שפּאַס! ניין, איך וועל אייך ברענגען ציפערן פון פינאַנץ-מיניסטער מאַק-אדו. דער לכתחלהדיקער קאַפּיטאַל פון דערדאָזיקער פאַבריק האָט אויסגעמאַכט 5000 דאָלער, דער ריינער ריווח דערקעגן — 14,549,652. און דער ריווח פון דעם שטאָל-טרעסט, דעמדאָזיקן מיליאַרדערן-קינד, האָט אין צוויי יאָר איבערגעשטיגן דעם גרונט-קאַפּיטאַל.

נאַטירלעך זענען דאָס אַלץ רווחים פון דער מלחמה-צייט. אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָסזעלביקע קומט פאָר אויך איצט, אין געגעבענעם מאָמענט. נעמט, למשל, אונזער טעקסטיל-אינדוסטריע, וואָס געניסט פון אַ הויכן שוץ, אָבער זייער שקלאַפן-אַרבעטער צאָלן זיי נעבעכדיקע גראָשנס. די אמאָסקעג-קאָמפּאַניע, וואָס אַרבעט אויס כּלערליי סאָרטן פּאַפּיר-מאַטעריאַלן, האָט געהאַט אין יאָר 1907 אַ גרונט-קאַפּיטאַל פון 4,000,000 דאָלער, און דעמדאָזיקן קאַפּיטאַל האָט די קאָמפּאַניע

פאַרגרעסערט דורך די ריווחים ביז 44,500,000 דאָלער. אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך דער ריינער ריווח פון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע אויסגעדריקט אין 2,851,131 דאָלער, וואָס מאַכט אויס 71 פּראָצ. פון לכתחילהדיקן קאַפּיטאַל.

אָדער נעמט, למשל, דעם ברויט-טרעסט, וואָס שפּייזט די אָרימקייט אין אונזערע העקן — אָדער ריכטיקער, וואָס שפּייזט זיך אַליין אויף זייער חשבון. אין יאָר 1922 האָט די גענעראַלע ברויטבעקערײ-קאָמפּאַניע אויסגעצאָלט 117 פּראָצ. דיווידענד אויף יעדער אַקציע. די אַקציעס פון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע האָבן געשטיגן פון זייער לכתחילהדיקן ווערט פון צוויי דאָלער אין יאָר 1016 ביז 1350 אין יאָר 1925. איך פאַרזיכער אייך, דזשעד, אַז דאָס איז כּלל נישט קיין דרוקפעלער. ערשט היינט אינדערפרי האָב איך געלייענט אין צייטונג, אַז דער פּרעזידענט פון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע האָט באַצאָלט 2000 דאָלער פאַר אַ לאָזשע אין דער אָפּערע. די צייטונגען באַשרייבן, ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרימקייט ביז צו די מיליאָנערן, און האַלטן, נאַטירלעך, אַז מיר דאַרפן מיט אים שטאָלצירן.

בעת אונזער פאָלק האָט פונדעסטוועגן זיך גענומען עטוואָס פונאַנדערקלייבן אין דערדאָזיקער גזלה, וועלכעס ס'איז דער שוץ-טאַריף, האָבן אונזערע פּאָליטישע מאַכערס צוגעזאָגט דורכצופירן אַ רעפאָרם. איצט ווען, הייסט עס, זיין אַ וויסנשאַפטלעכער טאַריף: אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט געדאַרפט דורכשטודירן דעם זעלבסטווערט און פאַרקויף-פּרייז און גענוי אויפקלערן, אַוואָסער ס'דאַרף זיין דער צאָל-טאַריף. און אָט האָט פּאַראַיאָרן דידאָזיקע קאָמיסיע דערלאַנגט דעם פּרעזידענט קולידזש אַ באַריכט — וואָס איז אגב געווען נישט אַזוי וויסנשאַפטלעך — וואָס האָט געוויזן, אַז דער צוקער-טרעסט עקספּלואַטירט דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק; מהאי טעמא האָט דער באַריכט רעקאָמענדירט אָפּצושאַפן די טאַריף-חסדים, פון וועלכע דערדאָזיקער טרעסט געניסט. איר ווילט זיך אפשר דערוויסן, וואָס דער פּרעזידענט האָט געטון מיטן דאָזיקן באַריכט? ער האָט געטון אַלץ, וואָס ס'איז געלעגן אין זיין רשות, כּדי צו באַהאַלטן דעמדאָזיקן פאַקט, און דידאָזיקע האַנדלונג האָט אונז אָפּגעקאָסט אין די נאָענטסטע ניין חדשים 53,000,000 דאָלער.

אָדער נעמט אַלומיניום, פון וועלכן ס'ווערט אויסגעאַרבעט אונזער קאָך-געשיר. דער אַלומיניום-טרעסט איז געווען אָרגאַניזירט אין יאָר 1888 מיט אַ גרונט-קאַפּיטאַל פון צוואָנציק טויזנט דאָלער. מער האָבן די אַקציאָנערן קיין גראָשן נישט אַריינגעלייגט אין דאָזיקן געשעפט. אָבער דער טרעסט געניסט פון אַ צאָל-טאַריף אין דער גרייס פון פערצן סענט אויף יעדן קילאָגראַם אַריינגעפירטן אַלומיניום, און דערפאַר האָט דער אַלומיניום-טרעסט אין יאָר 1923 אויסגעצאָלט די אַקציאָנערן 1000 פּראָצ. אויפן גרונט-קאַפּיטאַל. לויטן באַריכט פון דאָזיקן טרעסט, ווערט זיין קאַפּיטאַל איצט באַרעכנט אויף 110 מיליאָן דאָלער. פאַראַיאָרן האָט די פעדעראַלע האַנדלס-קאָמיסיע דערקלערט, אַז דער טרעסט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָנאָפּאָל, וואָס דראָט מיט פאַרטיליקן אַלע קאָנקורענטן, וועלכע ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן דעם ווילן פון דאָזיקן טרעסט. אין פעברואַר 1925 האָט דער גענעראַל-פּראָקוראָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן דערקלערט, אַז דידאָזיקע קאָמפּאַניע האָט עובר געווען אויפן געזעץ וועגן דער אויפלייזונג פון די טרעסטן. וואָס-זשע האָט אונטערגענומען דער פּרעזידענט קולידזש אין צוזאַמענהאַנג דערמיט? דער ענטפער איז אַ זייער פּשוטער: ער האָט געטון דאָסזעלביקע וואָס תּמיד און אין אַלע אַנדערע פאַלן, דאָס הייסט כּמעט גאָרנישט. פאַרוואָס? ווייל די אַלומיניום-קאָמפּאַניע — דאָס איז דער סינאָנים פון דער משפּחה מעלאָן, און דער ראש פון דערדאָזיקער משפּחה, אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט דאָס דריטע אָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן לויט זיין רייכטום, איז גלייכצייטיק פינאַנץ-מיניסטער אין דער רעגירונג פון פּרעזידענט קולידזש און פירט-אָן מיט דער פינאַנץ-פּאָליטיק פון אונזער לאַנד. זינט דערדאָזיקער מענטש האָט פאַרנומען זיין הויכן פּאָסטן, אָפּערירט ער נאָר מיט דערדאָזיקער אידעע, וועלכע עס באַמיען זיך אַריינצוקלאַפּן אין קאָפּ פון אונזער פאָלק די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, און נעמלעך: כּדי די אָרימע באַפעלקערונג זאָל קאָנען אויפלעבן, דאַרף מען פאַרקלענערן די שטייערן פון די רייכע, כּדי זיי זאָלן קאָנען אויפעפענען נייע פאַבריקן און מער צאָלן די אָרימע.

איר קאָנט זיך אָנשוילעך איבערצייגן, ווי אַזוי ס'ווערט

פאַרווירקלעכט דידאָזיקע אידעע, דערוויסנדיק זיך, אַז דערדאָזיקער רייכער פאַרברעכער, וואָס זיצט אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, צאָלט די ארבעטער פון זיינע אלומיניום־פאַבריקן צו 3,36 דאָלער אַ טאָג. און דערנאָך בארעכנט, וויפל ס'מאַכט אויס די הכנסה פון צוזאַרבעטער באַ דריי פולע ארבעטס־טעג אין וואָך, פאַרגלייכט די באַקומענע סומע מיט דער הכנסה פון הויכווירדיקן ענדריו מעלאָן און פאַרגעדענקט פאָלגנדיקס :

זיין אַרבעטער־שקלאַף, דעם פאַמיליען־מענטש, צאָלט דער אלומיניום־טרעסט 88 דאָלער אַ חודש. דעם באַנקיר־פאַרברעכער, וואָס זיצט אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, ברענגט אַריין דערדאָזיקער טרעסט 284,000 דאָלער אַ חודש. און כדי דעם געזינדל מעלאָן זאָל זיך בעסער לעבן, באַקומט דער צווייטער ברודער 178,000 דאָלאַר אַ חודש.

זעקסטער בריוו

מיין טייערער דושעד!

שטעלט אייך פאָר אַ מענטש, וואָס פּלומפּט וואַסער פון ברונעם, כדי אָנצופילן אַ באַסיין פאַר די באַדערפעניש פון זיין הויז. וואַסער אין דער ערד איז פאַראַן איבערגענוג, דער פּלומפּ — גרויס און מעכטיק, און איטלעכס מאָל, ווען דער מענטש טוט אַ דריק אויפן הענטל, שטראָמט אָן אין עמער אַ גרויסער סכום וואַסער.

אָפּאַרבעטנדיק אַ גאַנצן טאָג, קערט זיך דער מענטש אום אין אָוונט אַהיים און אַנטדעקט אין זיין עמער בלויז עטלעכע טראָפּנס וואַסער. געוויסע מענטשן האָבן, ווייזט זיך אויס, אַוועקגעפירט דאָס וואַסער פון זיינע רערן אין זייערע אייגענע באַסיינען. און צווינאָך איז דערדאָזיקער מענטש

געצוווּנגען צו געבן אַנדערע הונדערטער גאַלאָן וואַסער פריער, איידער ער קאָן אַליין געניסן עטלעכע טראָפּנס. צי וועט איר נישט מסכּים זיין דערמיט, אַז דערדאָזיקער מענטש דאַרף זיך דער־וויסן, צוליב וועלכן צוועק מ'פירט אים אַוועק דאָס וואַסער, וויפל וואַסער נעמט מען אים צו און מיט סאַראַ רעכט?

און אָט פונקט אין אַזאַ לאַגע, דזשעד, געפינען זיך דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער און אַמעריקאַנישער פערמער. און די רערן, דורך וועלכע ס'ווערט אָפּגעפירט דאָס וואַסער, רופן זיך: דירה־געלט, פּראָצענטער, דיווידענדן, קאָמיס, שטייערן, קאַלקו־לאַציע, אינפלאַציע א. א. וו., א. א. וו., א. א. וו.

לאָמיר מאַכן נאָך אַ וויזיט אין די תּהומות פון וואָל־סטריט און דורכפאָרשן עטלעכע פון די סאַמע גרעסטע רערן, הינטער וועלכע ס'קומט אייך אויס א גאַנצן טאָג צו צעברעכן דעם רוקן, בלומפּנדיק וואַסער פאַר לײדיקגייערס און פּאַראַזיטן פריער, איידער איר אַליין וועט באַקומען אַ שלוק וואַסער פאַר זיך.

אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן שטעלט זיך דער פינאַנץ־סיסטעם פון דער קאָרפּאָראַציע פאַר אַזוינאָך: עטלעכע מענטשן לייגן צונויף זייער אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן ערלעכן וועג, בילדן אַ קאָמפּאַניע, קויפן איין מאַשינען, הייבן אָן אויסצואַרבעטן סחורות און פאַר־קויפן זיי צו באַשטימטע פּרייזן; אַזוינאָך געהערט דער גאַנצער ריווח צו זיי, און באַטירלעך לויטן געזעץ, און דאָס אַלץ איז גוט און יושרדיק און שיין, פּונקט ווי אונזער גאַנצער שיינער סיסטעם, אַדאַנק וועלכן דאָס פּובליקום באַקומט ריזיקע זאַפּאַסן פון ביליקע סחורות. אָט סאַראַ שיין בילד עס צייכענען די קאַפּיטאַליסטן, וואָס פאַבריצירן שול־ביכער פאַרן געלט, וועלכעס זיי באַקומען ווידעראַמאָל פון וואָל־סטריט, און שיקן פונאַנדער דידאָזיקע לערנביכער אין די שולן.

ווי־זשע זעען אויס די אמתדיקע פאַקטן? ראשית דער־שלאָגט זיך יעדע קאָרפּאָראַציע קודם־כּל עפּעס אַ באַזונדערע פּריווילעגיע, אַדאַנק וועלכער, ווי זי ווייסט לכתּחילה, זי וועט קאָנען פּראָפּיטירן שנעל און אָן ריזיקע. און פאַרשטייט, דזשעד, אַז איך רעד נישט וועגן יענע שווינדלערישע אונטער־

פאַרגרעסערט דורך די ריווחים ביז 44,500,000 דאָלער. אין
פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך דער ריינער ריווח פון דערדאָזיקער
קאָמפּאַניע אויסגעדריקט אין 2,851,131 דאָלער, וואָס מאַכט
אויס 71 פּראָצ. פון לכתחילהדיקן קאַפּיטאַל.

אָדער נעמט, למשל, דעם ברויט-טרעסט, וואָס שפּייזט די
אָרימקייט אין אונזערע הענט — אָדער ריכטיקער, וואָס שפּייזט
זיך אַליין אויף זייער חשבון. אין יאָר 1922 האָט די גענעראַלע
ברויטבעקעריי-קאָמפּאַניע אויסגעצאָלט 117 פּראָצ. דיווידענד אויף
יעדער אַקציע. די אַקציעס פון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע האָבן
געשטיגן פון זייער לכתחילהדיקן ווערט פון צוויי דאָלער אין
יאָר 1016 ביז 1350 אין יאָר 1925. איך פאַרזיכער אייך, דזשענ,
אַז דאָס איז כּלל נישט קיין דרוקפעלער. ערשט היינט אינדער-
פרי האָב איך געלייענט אין ציי‌טונג, אַז דער פּרעזידענט פון
דערדאָזיקער קאָמפּאַניע האָט באַצאָלט 2000 דאָלער פאַר אַ לאָזשע
אין דער אָפּערע. די ציי‌טונגען באַשרייבן, ווי אַזוי ער האָט
זיך אויפגעהויבן פון אָרימקייט ביז צו די מיליאָנערן, און
האַלטן, נאַטירלעך, אַז מיר דאַרפן מיט אים שטאָלצירן.

בעת אונזער פאָלק האָט פונדעסטוועגן זיך גענומען עטוואָס
פונאַנדערקלייבן אין דערדאָזיקער גזלה, וועלכעס ס׳איז דער
שוץ-טאַריף, האָבן אונזערע פּאָליטישע מאַכערס צוגעזאָגט דורכ-
צופירן אַ רעפאָרם. איצט ווער, הייסט עס, זיין אַ וויסנשאַפט-
לעכער טאַריף: אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט געדאַרפט דורכ-
שטודירן דעם זעלבסטווערט און פאַרקויף-פּרייז און גענוי אויפ-
קלערן, אַוואָסער ס׳דאַרף זיין דער צאָל-טאַריף. און אָט האָט
פּאַראַיאָרן דידאָזיקע קאָמיסיע דערלאַנגט דעם פּרעזידענט קולידזש
אַ באַריכט — וואָס איז אגב געווען נישט אַזוי וויסנשאַפטלעך —
וואָס האָט געוויזן, אַז דער צוקער-טרעסט עקספּלואַטירט דאָס
אַמעריקאַנישע פאָלק; מהאי טעמא האָט דער באַריכט רעקאָמענ-
דירט אָפּצושאַפן די טאַריף-חסדים, פון וועלכע דערדאָזיקער
טרעסט געניסט. איר ווילט זיך אפשר דערוויסן, וואָס דער
פּרעזידענט האָט געטון מיטן דאָזיקן באַריכט? ער האָט געטון
אַלץ, וואָס ס׳איז געלעגן אין זיין רשות, כּדי צו באַהאַלטן דעמ-
דאָזיקן פאַקט, און דידאָזיקע האַנדלונג האָט אונז אָפּגעקאָסט
אין די נאָענטסטע ניין חדשים 53,000,000 דאָלער.

געצוווּנגען צו געבן אַנדערע הונדערטער גאָלאָן וואַסער פריער, איידער ער קאָן אַליין געניסן עטלעכע טראָפּנס. צי וועט איר נישט מסכּים זיין דערמיט, אַז דערדאָזיקער מענטש דאַרף זיך דער-וויסן, צוליב וועלכן צוועק מ׳פירט אים אַוועק דאָס וואַסער, וויפל וואַסער נעמט מען אים צו און מיט סאַראַ רעכט?

און אַט פּונקט אין אַזאַ לאַגע, דזשעד, געפינען זיך דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער און אַמעריקאַנישער פּערמער. און די רערן, דורך וועלכע ס׳ווערט אָפּגעפירט דאָס וואַסער, רופן זיך: דירה-געלט, פּראָצענטער, דיווידענדן, קאָמיס, שטייערן, קאַלקו-לאַציע, אינפלאַציע א. א. וו., א. א. וו., א. א. וו.

לאָמיר מאַכן נאָך אַ וויזיט אין די תּהומות פון וואָל-סטריט און דורכפאָרשן עטלעכע פון די סאַמע גרעסטע רערן, הינטער וועלכע ס׳קומט אייך אויס אַ גאַנצן טאָג צו צעברעכן דעם רוקן, פּלומפּנדיק וואַסער פאַר ליידיקגייערס און פּאַראַזיטן פריער, איידער איר אַליין וועט באַקומען אַ שלוק וואַסער פאַר זיך.

אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן שטעלט זיך דער פינאַנץ-סיסטעם פון דער קאָרפּאָראַציע פאַר אַזוינאָך: עטלעכע מענטשן לייגן צונויף זייער אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן ערלעכן וועג, בילדן אַ קאָמפּאַניע, קויפן איין מאַשינען, הויבן אָן אויסצואַרבעטן סחורות און פאַר-קויפן זיי צו באַשטימטע פּרייזן; אַזוינאָך געהערט דער גאַנצער ריווח צו זיי, און באַטירלעך ליטן געזעץ, און דאָס אַלץ איז גוט און יושרדיק און שיין, פּונקט ווי אונזער גאַנצער שיינער סיסטעם, אַדאַנק וועלכן דאָס פּובליקום באַקומט ריזיקע זאַפּאַסן פון ביליקע סחורות. אַט סאַראַ שיין בילד עס צייכענען די קאַפּיטאַליסטן, וואָס פאַבריצירן שול-ביכער פאַרן געלט, וועלכעס זיי באַקומען ווידעראַמאָל פון וואָל-סטריט, און שיקן פונאַנדער דידאָזיקע לערנביכער אין די שולן.

ווי-זשע זעען אויס די אמתדיקע פאַקטן? ראשית דער-שלאָגט זיך יעדע קאָרפּאָראַציע קודם-כּל עפּעס אַ באַזונדערע פּריווילעגיע, אַדאַנק וועלכער, ווי זי ווייסט לכתּחילה, זי וועט קאָנען פּראָפּיטירן שנעל און אָן ריזיקע. און פאַרשטייט, דזשעד, אַז איך רעד נישט וועגן יענע שווינדלערישע אונטער-

נעמונגען, וואָס פאַרפלייצן דאָס לאַנד מיט ווערטלאָזע אַקציעס; דער יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט האָט באַרעכנט, אַז דידאָזיקע רמאים האָבן אַרויסגעשלעפּט פון פּובליקום דריי מיליאַרד דאָלער במשך פון דער נאָכמלחמהדיקער צייט. אָבער דאָס אַלץ זענען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט די ריווחים פון דידאָזיקע הויכווירדיקע הערן, וואָס האָבן אַ צוטריט צו די הינטערקוליסן־ספערן און האַנדלען פולשטענדיק לויטן געזעץ.

טיילמאָל דריקן זיך דידאָזיקע פּריווילעגיעס אויס אין רעכט אויסצולייגן אַ נייעס וועג; אין אַזאַ פאַל קויפט איר אָפּ דאָס־דאָזיקע רעכט באַ דער שטאָט אָדער באַ דער געזעצגעבערישער קאַמער. טיילמאָל איז די פּריווילעגיע אַן ערד־נחלה; אין אַזאַ פאַל דינגט איר פּיפּיקע אַדוואָקאַטן, וואָס באַמיען זיך שוין אויסצושתדלען פאַר אייך וואָס מער מלוכה־ערד. אָדער איר קויפט אייך איין וועלכע ס'איז טאַריף־חסדים. אָט נעמט איר צו באַם דערפינדער זיין פּאַטענט און גיט אים דערפאַר עטלעכע אַקציעס אָדער דערשלאָגט זיך באַשטימטע חסדים פון די אייזנבאַנען אָדער אַנדערע קאָרפּאָראַציעס, אונטערטראָגנדיק גראָבע פעקלעך אַקציעס זייערע אָנפירערס.

פאַראַן פיל פאַרשידענע אופנים, און איך וועל אייך נישט נעמען זיי אַלע אויסצורעכנען. ווי באַקוועם ס'זאָל נישט זיין דאָס חלק, וואָס איר האָט באַקומען, ווענדט איר זיך צו אייער פריינט דעם באַנקיר און לייגט אים פאָר אָנטיילצונעמען דערין, און ער גיט אייך אַלס במקום אַ באַשטימטן זאַפּאַס פון יענער לעבנס־ענערגיע, מיט וועלכער ער קאָן דיספּאָנירן — נישט מיט קיין מזומן, נאַטירלעך, נאָר מיט קרעדיט, וואָס שטיצט זיך אויפן געלט, וואָס איז אַרייַנגעלייגט געוואָרן אין זיין באַנק דורך אַנדערע מענטשן. מיט דער הילף פון דעם אייך געליפערטן קרעדיט קאָנט איר דערווערבן אַלץ אַנדערס, וואָס איז אייך נויטיק: אַ לאָקאַל פאַר אַ ביוראָ, אַ פאַבריק, רוימאַטעריאַלן, געדונגענע אַרבעט א.ד.ג.

אין ריווח מעגט איר דאַן זיין זיכער און, שטיצנדיק זיך אויף דערדאָזיקער זיכערקייט, באַשטימט איר אייער קאַפּיטאַל. איר פאַרשטייט, אַז איר לייגט נישט אַריין אין געשעפט קיין איין גראָשן באַרעס־געלט, און אייער קאַפּיטאַל באַשטימט איר

אויפן יסוד פון יענע ריווחים, וועלכע איר דערוואַרט. דאָס קאָן זיך אייך אויסווייזן זייער קאָמפּליצירט, אָבער אין דערווירק־לעכקייט איז דאָס זייער פּשוט.

וואָל-סטריט רעכנט דעם דורכשניטלעכן ריווח אויף 7 פּראָצ. און דערפאַר באַשטימט איר אייער גרונט-קאַפּיטאַל אויף פערצן מאָל מער פון יענעם ריווח, אויף וועלכן איר רעכנט אויס. אויב אייער געשעפט איז אַוועק גוט, און דער שווינדל גיט שיינע רעזולטאַטן, קאָן זיך אַרויסשטעלן, אַז איר האָט באַקומען צווייטאָל אַזויפיל ריווח, ווי איר האָט דערוואַרט. אין אַזאַ פאַל באַשטימט איר אייער קאַפּיטאַל אויף צווייטאָל אַזויפיל. אויב איר האָט געהאַט זיבציק טויזנט דאָלער ריווח במשך פון אַ יאָר, דאַן איז אייער קאַפּיטאַל אַ מיליאָן. אויפן צווייטן יאָר האָט איר, לאָמיר זאָגן, זיבן הונדערט דאָלער ריווח — פאַרגרע־סערט איר אייער קאַפּיטאַל ביז צען מיליאָן. אויב אייער הכנסה האָט דערגרייכט זיבן מיליאָן, שטייגט שוין אייער קאַפּיטאַל ביז הונדערט מיליאָן. איר, דזשעד, אָרימער אַלטער האָרעפאַש־ניק, מיינט זיכער, אַז איך טרייב קאַטאָוועס, מחמת אַזעלכע זאַכן קאָנען לויט אייך פאָרקומען בלויז אין אַ מעשהלע. און דאָך קאָן איך אייך געבן מיין וואָרט, אַז דאָס קומט נאָכאַנאַנד פאָר אויף אונזער בערזע. איך קאָן אייך ברענגען אַ גאַנצע ריי קאָמפּאַניעס, וואָס טוען טאַקע דאָסזעלביקע.

נעמט, למשל, די ניו-יאָרקער קאָמפּאַניע „סטאַנדאַרט-אויל”. אוך דערמאָן, אַז ביז דער מלחמה זענען די אַקציעס פון דער־דאָזיקער קאָמפּאַניע געשאַצט געוואָרן אויף 700 דאָלער אַ שטיק, ד. ה. אויף זיבן מאָל מער פון גרונטווערט. וואָס-זשע באַטייט עס? דאָס האָט באַטייט, אַז די ראָקפעלערס, אַלס אַלטמאָדישע לייט, האָבן מורא געהאַט פאַר נייע טריקן, פאַר וועלכע ס'כאַפּן זיך די קאָרפּאָראַציעס, און זענען געבליבן בײַ זייער אַלטן קאַפּיטאַל פון פופצן מיליאָן דאָלער, באַשטימענדיק אָפּן זייער הכנסה אויף 7 פּראָצ. אָבער ס'איז אָנגעקומען אַ צייט, ווען דער עולם האָט שוין גענומען צו הויך רעדן צוליב דידאָזיקע ריווחים, און ראָקפעלער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע. און אָט האָט אין יאָר 1913 די ניו-יאָרקער קאָמ־פּאַניע „סטאַנדאַרט אויל” דערקלערט דעם דיווידענד אין אַקציעס.

אויף 400 פּראָצ. ד. ה. דידאָזיקע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעגעבן איטלעכן אַקציאָנער צו פיר צוגאָב-אַקציעס אויף איטלעכער אַלטער. אַזוינאָך איז דער קאַפּיטאַל פון דער קאָמפּאַניע שוין געווען באַשטימט אויף פינף און זעכציק מיליאָן דאָלער אָנשטאָט די פריערדיקע פופצן. ס'איז פולשטענדיק נאַטירלעך, אַז נאָך דעם זעען די רווחים נישט אויס אַזעלכע גרויסע, מחמת זיי ווערן פאַרטיילט אויף דער צאָל אַקציעס, וואָס איז פיר מאָל גרעסער פון דער פריערדיקער. אין יאָר 1922 איז דער קאַפּיטאַל ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן אויף דריי מאָל, ד. ה. אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אויף 221 מיליאָן דאָלער. איצט צאָלט די קאָמפּאַניע 14 פּראָצ. פון דיווידענד, וואָס שיינט צו זיין פאַר-העלטנישמעסיק אַ קליינער ריווח. אָבער וואָס וואָלט איר גע-זאָגט, ווען איך זאָל אַרויסגיין פון חשבון פון פריערדיקן גרונט-קאַפּיטאַל און אויסגערעכנט, אַז אינדערעמתן צאָלט די קאָמפּאַניע נישט קיין 14, נאָר 210 פּראָצ. אַ יאָר?

אָט דאָס הייסט אַ שאַרפזיניק מיטל, וואָס רופט זיך אויס-צאָלונג פון דעם דיווידענד מיט אַקציעס. איר דאַרפט געדענ-קען, דזשעד, אַז לויטן באַשלוס פונם אויבערגעריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן רעכנט זיך דער דיווידענד אין דער פאָרם פון אַקציעס נישט פאַר קיין ריווח. אויף אַזאַ אופן, וויבאַלד איר האָט „אויסגעמישט" ווי ס'געהער צו זיין אייער קאַפּיטאַל, איז שוין ביי אייך נישט פאַראַן קיין איבעררייווח, און דערפאַר דאַרפט איר נישט צאָלן קיין שטייערן פאַר איבעררייווח, און נאַטירלעך האָבן זיך נאָך אַזאַ באַשלוס פון אויבערגעריכט אַלע קאָרפּאָראַציעס געאיילט צו געניסן פון דאָזיקן טריק, און אין יאָר 1922 זענען העכער 2,328,000,000 דאָלער פאַרטיילט געוואָרן די גליקלעכע אַקציאָנערן אין דער פאָרם פון דיווידענדן און אַקציעס. די נאַפט-קאָמפּאַניע פון שטאַט אינדיאַנאַ האָט אויס-געצאָלט פאַר איין יאָר 2900 פּראָצ. ווידעראַמאָל מיט דיווידענדן אין דער פאָרם פון צוגאָב-אַקציעס. די קאָמפּאַניע בראַון און שאַרפּ, וואָס אַרבעטן אויס מכשירים פאַר אָט אַזעלכע טשעסלער ווי איר, דזשעד, האָט אין יאָר 1922 אויסגעצאָלט 16,000 פּראָצ. ריווח.

נעמט, למשל, אונזער מעכטיקן שטאָל-טרעסט, אַ קינד

פון ריכטער הערי — דעם ליבלינג פון אונזער מלוכה. כ׳האָב געקענט נעענטער אַ יוריסט, וואָס האָט באַקומען אַ מיליאָן דאָלער פאַרן אָרגאַניזירן דעמדאָזיקן טרעסט; פון אים האָב איך זיך דערוווסט פיל הינטערקוליסן-שטיק פון דעם טרעסט.

אַזוי האָט, למשל, דזשאָן העטס, דער בערזע-ספּעקולאַנט, גענומען מיט זיך אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן עטלעכע שטאָל-מאַגנאַטן, און אין קאָמפּאַניע מיט פּראָסטיטוטקעס און אַ זאַפּאַס שאַמפּאַניער האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ דרייטאָגיקע אָרגיע, אַרום-פאָרנדיק איבערן לאַנד און איינקויפנדיק צוליב קאַטאָוועס די שטאָל-גיסעריייען, צאָלנדיק דערביי די באַליביקע פּרייז, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געגליסט די אייגנטימערס צו פאַרלאַנגען. ווען דערדאָזיקער שפּאַס האָט זיך געענדיקט, האָט מאָרגאַן בײַ אים צוגענומען דאָס גאַנצע געשעפט, מחמת העטס איז לויט זיין מיינונג נישט געווען גענוג ראוי צו פירן אַזאַ פאַראַנטוואָרט-לעך געשעפט. און דאַן האָט מאָרגאַן געדונגען מיין פריינט דזשעמס דילל, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן דעם טרעסט אומ-דורכדרינגלעך פאַרן געזעץ, דער גרונט-קאַפּיטאַל פון טרעסט איז באַשטימט געוואָרן אויף פינף הונדערט מיליאָן דאָלער, פון וועלכע ס׳איז נישט געווען קיין איין גראָשן מזומן.

כ׳האָב געקענט אַגעוויסע אַלטע אַלמנה, וואָס האָט איינ-געלייגט אין דאָזיקן טרעסט אַלץ ביז צום לעצטן סענט, און די אַקציעס פון דאָזיקן טרעסט זענען אינגיכן געפאַלן ביז זעקס סענט פאַר אַ דאָלאַר. דערפאַר האָט דער טרעסט דערנאָך גע-קאָנט געניסן פון דעם אים געליפערטן מאָנאָפּאָל אויף רוישטאָף, און במשך פון די צוויי מלחמה-יאָרן האָט זיין ריינע הכנסה אַריבערגעשטיגן 888 מיליאָן!

אָדער לאָמיר נעמען דעם פלייש-טרעסט, אַרמאָר און קאָמ-פּאַניע האָבן אָנגעהויבן פון 160000 דאָלער, אַלץ איבעריקע איז אַנטשטאַנען פון ריווח. במשך פון איין יאָר האָט דידאָזיקע קאָמפּאַניע פונאַנדערגעטיילט די אַקציאָנערן צוגאָב-אַקציעס אויף אַכציק מיליאָן דאָלער.

אָדער נעמט ווידעראַמאָל די אַמעריקאַנישע אַלומיניום-קאָמפּאַניע, אַ פאַמיליען-קינד פון די מעלאָנס, וואָס געניסט פון אַלע חסדים פון אונזער רעגירונג; דידאָזיקע קאָמפּאַניע האָט

אַרויסגעגעבן די אַקציאָנערן 500 פּראָצ. דיווידענד מיט אַקציעס, און אין דערזעלביקער צייט קאָן זי זיך נישט דערלויבן צו צאָלן די אַרבעטער מער ווי 3,36 דאָלער אַ טאָג!

אָדער נעמט דעם ברויט-טרעסט — אַ ניי קינד פון דער שלום-צייט פון אונזער בערזע. די גענעראַלע ברויט-בעקערייי-קאָמפּאַניע האָט פאַרגרעסערט במשך פון זיבן יאָר דעם אייגע-נעם גרונט-קאַפּיטאַל אויף 6500 פּראָצ.

אַדאַנק וואָס-זשע קומט דאָס אַלץ פאָר? זייער פּשוט. אויב איר זענט אַן „אייגענער מענטש” און קאָנט גיין צום באַנקיר און באַקומען גענוגנדיקן קרעדיט, דאַן וועט איר אויפשטעלן גרויסע עלעקטרישע אויוונס, וועלכע וועלן שנעל און ביליק אויסבאַקן ברויט; די קלענערע ברויטבעקערייען וועלן גאָר אינגיכן פאַרטיליקט ווערן, און זייערע אייגנטימער וועלן זיך ווענדן צו אייך נאָך אַרבעט פאַר טאָגלוין, און אין אייערע הענט וועט בלייבן דער מאָנאָפּאָל אויפן פאַרקויף פון פריש ברויט פאַר דער ריזיקער שטאָט, און פון די קאָפּשווינדלערישע דיווּוחים אייערע וועט איר אָפּצאָלן די אַדוואָקאָטן, די צייטונגס-פאַרלעגער, די קאָנגרעס-מיטגלידער, די אַרבעטער-לידערס, כּדי דערמיט זיך צו פאַרזיכערן פאַר אַן אָנפאַל פון וועלכער ס'איז זייט.

נישט כּדאַי דאָ אָנצוּוואַרפן קיין ביישפּילן, דזשעד! גענוג צו זאָגן, אַז יעדע גרויסע אונטערנעמונג אין אַמעריקע איז אונטערגעוואָרפן דעמזעלביקן סיסטעם, און איר צאָלט פאַר אָט-דעם אַלעם. אין דער מלחמה-צייט האָט איר באַקומען אַ דאָלאַר פאַר אַ שעה, און אייך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר געפינט זיך שוין אין פּאָדערהויז פון גן-עדן. נאָר, ווי איר זעט, איז אויף יעדן דאָלאַר, וואָס איר האָט פאַרדינט, האָבן דידאָזיקע ספּעקולאַנטן פון וואָל-סטריט געמאַכט צענטליקער מיליאָנען. און יעדער פון דידאָזיקע מיליאָנען האָט זיך אַרויסגעוויזן פּונקט אַזוי מעכטיק, אַזוי גרויסע זיך דערוואָרבן און אויך אַזוי פיינ-שמעקעוודיק, ווי אייער נעבעכדיקער דאָלאַר.

זיבעטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

ווען כ'האָב אין דער יוגנט געפּרוּווט עפּעס געוויר ווערן וועגן מיין לאַנד, האָב איך זיך דאָס ערשטע איבערצייגט, אַז זיין גאַנצע פּאָליטיק שטיצט זיך אויף שוחד. כ'האָב דעמאָלט געלעבט אין ניו-יאָרק און געזען, וואָס ס'קומט פאָר אַרום מיר; ס'איז פולשטענדיק נאַטירלעך, אַלמאַי כ'האָב זיך געפּרוּווט דערקלערן, פאַרוואָס דאָס אַלץ קומט פאָר? אין דער שול האָט מען מיר דערקלערט, אַז אין אַלעם זענען שולדיק די אומוויסנדיקע אויסלענדער, וועלכע פאַרפּלייצן אונזערע שטעט. באַשר זיי פאַרשטייען נישט אונזערע געזעצן, זיי פאַרקויפן זייערע שטימען און גיבן איבער אונזערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין די הענט פון די קולאַקעס.

איך האָב געהאַט אין ניו-יאָרק אַ קרוב. איך וועל אים נאַטירלעך נישט אָנרופן בײַם נאָמען. גענוג צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ פינאַנסיסט, וואָס האָט צוגעזאָגט צו ווערן איינער פון אונזערע גרויסע מיליאָנערן. דערדאָזיקער קרוב האָט זיך געוואָלט פאַרפונדעווען אין ניו-יאָרק. עפּעס ענדיק אַ קאָנטאָר, האָט ער דאָס ערשטע דערלאַנגט אַ גראָב פּעקל אַקציעס ריטשאַרד קראָקערן, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען בּראש פון די ניו-יאָרקער דעמאָקראַטן. אַ צווייטן פּאָליטישן מאַכער האָט מיין קרוב באַשטימט פאַרן אָנפירער מיט די ענינים פון זיין קאָנטאָר. מער האָט מען נישט געדאַרפט. ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש, און זיין פירמע האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַלע שטאָטישע אונטערנעמונגען, און אַלע אַמטן פון שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט מען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע פירמע געניסט די השגחה פון דער שטאָט.

אַ שטיקל צייט שפּעטער (מיין קרוב האָט מיך זייער ליב-

נעהאַט און פלעגט מיר תמיד רערציילן מכּוח זיינע ענינים) האָט ער דורכגעפירט אַ מענטש פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַלס קאַסיר פון שטאַט ניו-יאָרק. מיט אַ צופרידענעם שמייכל האָט ער דערציילט וועגן דעם און דערקלערט, אַז פאַר אים באַטייט עס זייער פיל, מחמת זיין פירמע וועט איצט קאָנען עפענען אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן שטאַט, און דידאָזיקע אָפּ-טיילונגען וועלן באַקומען אַלע באַשטעלונגען פון שטאַט. דערנאָך האָט מיין בּכבודיקער קרוב נישט אויסגעמיטן מיך אויסצומוסרן פאַר דעם ראַדיקאַליזם, וואָס ס'האָט זיך אין מיר אַנטפּלעקט, און מיר פאַרזיכערט, אַז אַלע אונזערע אָנגעזעענע געשעפטס-לייט זענען גרויסע פּאַטריאָטן און מענטשן מיט הויכן באַגריף פון ערע.

אַזוינאָך איז מיר אויסגעקומען צו כאַפּן אַ בליק הינטער די קוליסן, און ביסלעכווייז איז מיר אַלץ געוואָרן קלאָר. יאָ, באמת, די אומוויסנדיקע עמיגראַנטן פאַרקויפן זייערע שטימען — אָבער ווער גיט געלט דערויף, כּדי זיי צו אָפּצוקויפן? דער ענט-פער איז אַ פּשוטער: מיין טייערער קרוב האָט געגעבן געלט יענעם דעפּוטאַט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אָפּקויפן די שטימען, און האָט עס געגעבן נישט אויס ליבע צו אים, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָפט הונדערטפאַכיק אומצוקערן זיך זיינע הוצאות.

פאַרצייטנס פלעגן די פּאָליטיקאַנער פּשוט גנבנען דאָס פאָלקס-געלט, אָבער איצט טוט מען דאָס נישט, מחמת יעדער פון זיי ווייסט, אַז ס'איז פיל בעסער צו „מאַכן" געלט, איידער זיי צו גנבענען — „מאַכן" קאָן מען פיל מער, נישט ריזיקירנ-דיק דערביי אַריינצופאַלן אין תּפיסה. און דערפאַר איז איצט דער גאָלדענער כּלל פון אונזער פּאָליטיק דער „בּכבודיקער שוחד". די פירערס פון די ניו-יאָרקער פּאָליטיקאַנער באַגנבענען נישט דעם מלוכה-אוצר. זיי ווילן בעסער באַקומען פּעקלעך אַקציעס פון די בוי-קאָמפּאַניעס, וואָס ציען אַרויס ריזיקע ריווחים פון די שטאָטישע אַרבעטן. דידאָזיקע פירער באַקומען אַקציעס פון יענע בענק, וועמען זיי לאָזן באַלעבאַטעווען מיט די שטאָטישע פינאַנצן. זיי אַליין אָרגאַניזירן קליינינקע קאָמ-פּאַניעס, וועלכע נעמען אויף זיך די ליפערונג פון דעם אָדער

יענעם מאַטעריאַל פאַר דער שטאַט, צי דאָס זענען טינט-גומעס, וועקערס אָדער עפּעס אַנדערש, און נאַטירלעך אַלץ לויט מקחים, וואָס זענען פיל העכער פון די מאַרק-פּרייזן.

דאָס אַלץ איז פולשטענדיק אומגעפּערלעך און גאַנץ אין אָרדענונג, און אַנשטאַט אָפּצושיקן דידאַזיקע הערן אין תפיסה אַריין, זענען מיר זיי מקנא.

איך עפן אויף אַ מאָרגן-צייטונג און לייען דאָס אַרטיקל פון אַרטור בריסבען, וואָס ווענדט זיך אויפן אַדרעס פון עטלעכע ניו-יאָרקער יונגעלייט, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ נייעם זשורנאַל אונטערן נאָמען „נייע מאַסן". אין אַמעריקע וויל קיינער נישט געהערן צו די מאַסן, און די יונגעלייט האָבן געדאַרפט אָנרופן דעם זשורנאַל „וויאַזוי צו פאַרדינען אַ מיליאָן דאָלער אין ערשטן יאָר". אָט צו וואָס, דזשעד, יעדער שטרעבט אין אַמעריקע. אָבער צי קאָן עס יעדער דערגרייכן? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער מיסטער בריסבען, דער מולטי-מיליאָנער און ספעקולאַנט, גיט נישט קיין ענטפער. אָבער איר דאַרפט פאַרשטיין איינס: כדי צו מאַכן אַ מיליאָן דאָלער אין ערשטן יאָר, דאַרפט איר זיי צונעמען בײַ די אַנדערע, וועלכע גייען אַזוינאָך נישט-ווילנדיק אַריבער צו די מאַסן, טראָץ זייער האַרטן באַשלוס דאָס נישט צו טון.

בײַ פעסטאַלאָצי איז פאַראַן אַ הערלעך מעשהלע, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט, אַז די קליינע פישעלעך האָבן זיך אַמאָל פאַרזאַמלט אויף אַ פּראָטעסט-מיטינג אַקעגן דעם אַכזריות פון דעם העכט. און דער העכט, באַאורטיילנדיק דעם פּראָטעסט, האָט דערקלערט, אַז פון היינט אָן וועט זיין דערלויבט יעדעס יאָר צוויי פישעלעך צו ווערן העכט. דאָס מעשהלע זאָגט נישט, צי האָבן די פיש מסכים געווען אויפן דאָזיקן פאָרשלאַג, נאָר אויב ס'וואָלט געגאַנגען וועגן די קליינע אַמע- ריקאַנישע פיש, וואָלטן זיי אַריין אין אַנטציקונג און עס אָנגערופן פרייהייט.

ווי ס'זאָל נישט זיין, צי ווערט וועלכעס ס'איז פישל אַ העכט — האָט עס בלויז אַן אינטערעס פאַרן דאָזיקן פישל. אַנדערן אָבער דעם גאַנצן סאָציאַלן סיסטעם קאָן עס נישט. די „מאַסן" בלייבן, און דאָס רייכטום, וואָס איז אָנגעזאַמלט דורך

זייער אַרבעט, נעמען בײַ זיי צו די פּריווילעגירטע קלאַסן. איך וויל, אַז איר זאָלט אייך קלאָרמאַכן, דזשעד, אַז אַנטציקנדיק זיך מיטן גליקלעכן מענטש, וואָס האָט געקאָנט זיך פאַרייגענען אַ היפּשן קאַפּיטאַל, אַנטציקט איר זיך אײַנדערעמתן מיט זײַן קענטעניש אײַך צו באַרויבן. מחמת דערדאָזיקער גזלן האָט נאָר געקאָנט באַקומען דאָס, וואָס געהערט צו אײַך. — קיין צווייט מיטל רײַך צו ווערן פאַרמאָגט ער נישט.

נעמט, למשל, די אַקציעס פון דער אײַזנבאַן. די געשיכטע פון די אַמעריקאַנישע אײַזנבאַנען—דאָס איז אַ נאָכאַנאַנדיקע דערציילונג וועגן שוחד, שווינדלערייען און אומגעהערטע שפּעקולאַציע. די קאַפּיטאַלן פון צוויי דריטל פון אונזערע אײַזנבאַנען זענען נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס איבערדערמאָנטע „וואַסער". דער סענאַטאָר לאַפּעלעט האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז אַלע אײַזנבאַנען זאָלן מוזן געבן אַ פאַקטישע אָפּשאַצונג פון זייער פאַרמעגן, און אין רעזולטאַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײַ צוויי דרום-אײַזנבאַנען האָט ניין צענטל אַקציאָנערן-קאַפּיטאַל עקזיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר. אָבער דערדאָזיקער פּראָיעקט איז משמעות אַוועק אין דער פאַרגעסנהייט — ווייניקסטנס האָב איך שוין מער וועגן אים נישט געהערט. וויאַזוי-זשע איז דאָס געשען? זייער פּשוט. דאָס איבערגעריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, לויט וועלכן די אײַזנבאַנען האָבן אַ רעכט אויף „יושרדיקן ריווח", אויפן סמך פון זייערע אייגענע ציפער-דאַטן וועגן זייער קאַפּיטאַל. און מ'האָט די אײַזנבאַנען גאַראַנטירט 5 מיט אַ האַלבן פּראָצ. פון ווערט פון זייערע אָבליגאַציעס. און אויב וועלכע ס'איז אײַזנבאַן האָט נישט אַזאַ ריווח, איז די רעגירונג ממלא איר פעלנדיקן טייל.

בײַ אונז אין אַמעריקע עקזיסטירן ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועמעס פליכט ס'איז מודיע צו זײַן וועגן אַלערליי שווינדלערייען און טריקן פון די אַקציאָנערן-געזעלשאַפטן און באַשיצן דאָס פּובליקום פאַר די אַפּעטיטן פון די גיריקע געשעפטסלייט. וואָס-זשע טוען דידאָזיקע קאָמיסיעס? דער ענטפער איז אַ פּשוטער: זיי פאַרקויפן אונז צו דיזעלביקע קאַפּיטאַליסטן. און אָט האָט איר פאַקטן, לויט וועלכע איר קאָנט אורטיילן, וואָסערע ס'זענען די רווחים פון דידאָזיקע הערן.

	ווערט פון אן אקציע אין י. 1921	דאסזעלבע אין י. 1925
אמעריקאנער גאז-קאמפאניע	49	79
באלייכטונג און איבערפירונג	112	249
מיטלמערב-קאמפאניע	24	112
קאמפאניע צו באדינען די געזעלשאפטלעכע נויטן פון שטאט „איליבויס"	86	126
קאמפאניע „גאזן און עלעקטריציטעט — סטאנדארט"	17	59
מערבדיקע קראפט-קאמפאניע	30	86

דאס קאן זיך אייך אויסוויין אומוואַרשיינלעך, דזשעד, אָבער אויך דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויפן אלטן באקאנטן — דיווידענדן אין דער פאָרם פון אקציעס. יאָ, אפילו אויפן דאָזיקן געביט, וואָס איז נוגע די געזעלשאפטלעכע נויטן, האָבן אונזערע קאמפאניעס אזא ריווח, אז ס'קומט זיי אויס צו פאַרקירצן אים.

די אמעריקאנער קאמפאניע פון וואסער-ענערגיע האָט ארויסגעגעבן די אקציאָנערן פינף נייע אקציעס אויף יעדער אלטער. די מערבדיקע קראפט-קאמפאניע האָט דערקלערט דעם דיווידענד אויף א גרייס פון 50 פראָצ. פון גרונט-קאפיטאל. די קאָלומבוס-קאמפאניע „גאזן און עלעקטריציטעט" האָט ארויסגעגעבן דריי נייע אקציעס אויף יעדער אלטער. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

אָט האָט איר נאָך אן אינטערעסאנטן ביישפיל, דזשעד. מיט צוויי יאָר צוריק איז בא אונז אין דרום-קאליפאָרניע אָנגעגאנגען א קאמף פארן עקספלואטירן די וואסער-קראפט. טייל האָבן פאָרגעלייגט אזא פלאן: דער שטאט גופא לאָזט ארויס אבליגאציעס אויף פינף הונדערט מיליאָן דאָלער, מיטן צוועק צו עקספלואטירן די וואסער-קראפט. אונזערע גרויסע צייטונגען זענען אריין אין ירגזון פון אזא מין פאָרשלאג און דערקלערט, אז דאָס איז דאָך „אמתדיקער סאָציאליזם"; פיל האָבן זיך דערשראָקן און געשטימט אקעגן דעם פראָיעקט. און איצט זענען

די גרויסע קאָמפּאַניעס, וואָס עקספּלואַטירן די וואַסער-קראַפט, געבליבן די מאָנאָפּאָליסטן, זיי שאַרן צונויף אַ מאַסע געלט — פונוואַנען-זשע נעמען זיי עס? זיי פאַרקויפן אַקציעס און אָבליגאַציעס אויף דער בערזע. דער קוואַל פון דידאָזיקע אַלע רייכטימער — זענען יענע אומוואַרשיינלעכע פּרייזן, וועלכע איר צאָלט פאַר גאַז, ליכט און וואַסער מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַרקויפער מאַכט פונם שטאַט.

און איצט כאַפּט אַ בליק אויף נאָך איין טשעקאַווען פאַקט. בעת דידאָזיקע קאָמפּאַניע וועט פאַרשטעלן אירע באַריכטן, וועט זי איינשליסן אין אירע הוצאות נאָך 501,605 דאָלער, וואָס זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו פאַרטומלען אייך דעם מוח. און איר וועט דאָס צומאָל נישט וויסן, מחמת דידאָזיקע סומע וועט זיין פאַרצייכנט אונטער דער רובריק פון הוצאות אויף אָרגאַניזאַציע אָדער אויף רעקלאַמעס, און אַזוי ווייטער. בלויז איין עלעקטריע- און גאַז-קאָמפּאַניע פּאַסיפיק" — די אוראַלטע הערשערין פון אונזער שטאַט, אין וועמעס אַרענדע ס'געפינט זיך די רעגירונג פון שטאַט — האָט מיט דער הילף פון אַזאַ טריק אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע 133,933 דאָלער. און דערפאַר, דזשעד, פאַרגעדענקט, ווי ס'געהערט צו זיין, נאָך איין כלל:

אייך באַרויבט מען נישט בלויז. מען לערנט אייך צו וועלן ווערן באַרויבט. מ'צווינגט אייך צו באַצאָלן פאַר דערדאָזיקער לערע.

און פאַרגעדענקט אויך פאָלגנדיקן לאָזונג פאַר די קומענדיקע וואַלן:

אויב איר דערלויבט אייך צו באַרויבן, הייסט דאָס אַמעריקאַניזם. אויב איר פאַרטיידיקט אייך פון רויב, הייסט דאָס — סאָציאַליזם.

אַכטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

איר ליינט וועגן דעם, אז דער רייכער ווערט רייכער און דער אָרימאן אָרימער, און איר פרעגט זיך, פארוואָס דולדן דאָס די אָרימע, אלמאי נעמען זיי נישט עפּעס אונטער מיטן צוועק צו פארטיידיקן זיך?

דער ענטפער איז אזא. זיי פּרווון טאקע צו פארטיידיקן זיך, אָבער די רייכע דערלאָזן נישט דערצו. אין דער טבע גופא פון געלט ליגט תּקיפות און דאָס אויסנוצן די תּקיפות אויף צו שיצן די אייגענע אינטערעסן. די געשיכטע פון די פאראייניקטע שטאטן — דאָס איז די כראָניק פון אן אומאויפהערלעכן קאמף פון אונזער אָרימקייט, וואָס די רייכע האָבן אונטערגעיאָכט און פארוואנדלט אין גאָרנישט. דאָס שטארקסטע כּלי-זין אין דאָזיקן קאמף איז, נאטירלעך, די פארוואלטונג מיט דער רעפּובליק. דאָסדאָזיקע כּלי-זין געפינט זיך אין די הענט פון די גבירים, און די אָרימע, וויפל זיי האָבן נישט געזאָלט פּרווון צו נעמען עס אין זייערע הענט, האָבן יעדעס מאָל געליטן אַ מפּלה.

אין זייער קאמף באַנוצן זיך די גבירים מיט פיר פאר-טיידיקונגס-מיטלען. דאָס ערשטע — וואלן. זיי קלייבן צונויף געלט, סובסידירן אַ באשטימטע פּאָליטישע פארטיי, הויבן אָן אַ קאמפּאניע פון שקרים און אומווירדיקע רכילותן, לאָזן אראָפּ שטימען, פארמישן די וואל-ליסטעס און אזוינאָך צעקלאַפּן זיי די אָרימקייט בא די וואלן.

די צווייטע פארטיידיקונגס-ליניע — אויב מ׳זאָל אָננעמען, אז זיי ליידן אן אומדערפאָלג מיטן ערשטן — איז אונזער געזעצ-געבונג. די קאַפּיטאליסטן זייען מחלוקת צווישן זייערע קעגנער, קויפן אונטער ווען ס׳איז פון זייערע פאָרשטייער אין פּאר-לאמענט און האלטן אלנפאלס אויף דאָס באטראכטן נייע געזעצן מיט דער הילף פון כּלערליי המצאות.

דערנאָך קומט דאָס דריטע פארטיידיקונגס-מיטל—דאָס געריכט. די רייכע באשטימען אלס ריכטער זייערע יוצר-משרתים, די-

חברים פון קלוב און פון די הולאנקעס, מיט איין וואָרט, מענטשן, אויסגעדרעסירטע אין גייסט פון קולט פאר אייגנטום. און אָט-די „ריכטער", גראָבנדיק אין די געזעצן, געפינען די מעג-לעכסטע האקנס, דערקלערן די געזעצן פאר אזעלכע, וואָס שטייען אין סתירה צו דער קאָנסטיטוציע און דערמיט גופא אנולירן זיי זיי.

און לסוף דאָס פערטע פארטיידיקונגס-מיטל, אויב די פריערדיקע דריי דערגרייכן נישט דעם ציל — דאָס איז פשוט דאָס עובר זיין אויף די געזעצן, אין דער פולער זיכערקייט, אז די רעגירונג וועט עס לאָזן אומבאשטראָפט. און איינדער-אמתן האנדלט טאקע אזוי די רעגירונג.

אין איינעם פון די פריערדיקע בריוו האָב איך אייך שוין געזאָגט, אז פון פופצן פרעזידענט-וואלן, זינט דער צייט פון בירגער-קריג, האָט בא פערצען אָפּגעהאלטן א נצחון יענע פאר-טיי, וואָס האָט דיספּאָנירט מיטן גרעסטן פאָנד פאר וואל-אגיטאציע. און אָט וועל איך אייך ברענגען ציפערן, וועלכע זענען גענומען דירעקט פון שטאב — פון וואָל-סטריט-דזשאָרנאל":

וואל-יאר	די זיגערישע פארטיי	פאָנד אין דאלארן	באזיגטע פארטיי	פאָנד אין דאלארן
1868	רעפּובליקאנישע	150,000	דעמאָקראטישע	75,000
1872	„	250,000	„	50,000
1876	„	950,000	„	900,000
1880	„	1,000,000	„	355,000
1884	„	1,400,000	„	1,300,000
1888	„	1,350,000	„	855,000
1892	דעמאָקראטישע	2,350,000	רעפּובליקאנישע	1,85,0000
1896	רעפּובליקאנישע	6,500,000	דעמאָקראטישע	675,000
1900	„	9,500,000	„	425,000
1904	„	3,500,000	„	1,250,000
1908	„	1,700,000	„	750,000
1912	דעמאָקראטישע	850,000	רעפּובליקאנישע	750,000
1920	רעפּובליקאנישע	3,986,383	דעמאָקראטישע	2,891'252
1924	„	3,359,487	„	845,520

און בלויז איינמאָל, אין יאָר 1916, האָט פּאַסירט, אַז דעם נצחון האָט אָפּגעהאַלטן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, פּאַרלירנדיק אינגאַנצן 1,400,229 דאָלער — אַקעגן 3,012,535 דאָלער, וואָס זענען אויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

וואָס שייך דעם, אַז די קאַפּיטאַליסטן פירן דורך כלערליי פּאַקוסן בעת די וואַלן, מאַך איך נישט אין דאָזיקן פּרט קיין שום השערות, און רעד וועגן דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען מיט אייגענע אויגן. איינמאָל, אין די יוגנטיאָרן, האָב איך פאָרגעלייגט מיין דינסט דער רעפאָרמיסטן-פּאַרטיי אַלס אויפזעער בא די וואַל-אורנעס, און מ'האָט מיר שיר דעם קאָפּ נישט געפּלעט דערפאַר, וואָס איך האָב געוואַגט צו פּראָטעסטירן אַקעגן דעם אריינרעכענען די אומגעזעצלעך אויפגעגעבענע שטימען. דאָס איינציקע, וואָט האָט מיך געראַטעוועט, איז געווען דאָס, וואָס די דעמאָקראַטן האָבן שוין נישט געצווייפלט אין נצחון און זיך נישט גענוציקט אין די איבעריקע שטימען. לינקאָלן סטעפענס דערציילט אין זיין בוך „די חרפה פון די שטעט" וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז אין פילאַדעלפיע בעת די וואַלן פאָרגעקומען די ציילונג פון די שטימען פון „טויטע הינט און נייגעבוירענע קינדער". דאָס ווערט באַשריבן אין קאַפּיטל, וואָס טראָגט דאָס קעפּל „פילאַדעלפיע — די זעלבסט-צופרידענע און אויסגעלאַסענע". אָבער היינט קאָנט איר אָנשטאָט דעם וואָרט „פילאַדעלפיע" אַוועקשטעלן וועלכע ס'איז אַמעריקאַנישע שטאָט.

די אָרימע האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן קיין נצחון בא די וואַלן אין דאָזיקן לאַנד, צוליב יענער פּשוטער סיבה, וואָס זיי זענען אָרים. כדי צו פאַרשפּרייטן אַ פּראָקלאַמאַציע איבערן גאַנצן לאַנד, דאַרף מען אויסגעבן אַ מיליאָן דאָלער. גיט צו אַהער די קאָסטן פון געדונגענע אָראַטאָרן, דאָס אַרענדירן לאָקאַלן פאַר פאַרזאַמלונגען, הוצאות אויף רעקלאַמעס, אָרקעסטערס, אילומינאַציעס, פייערווערק און דאָס איבעריקע קלאַפּערגעצייג, און איר וועט דאַן באַקומען אַ סך-הכל פון פיל מיליאָנען, ד. ה. אויף פיל מאָל גרעסער פון דער סומע, וואָס ס'האָבן ווען עס איז אויפגעוויזן אין די באַריכטן אונזערע

פּאַרטייען, מחמת דאָס געזעץ באַגרעניצט די סומע, וועלכע ווערט דערלויבט אויסצוגעבן אויף די וואַלן. די אָרימע קאָנען נאַטירלעך נישט צונויפקלייבן אַזויפיל מיליאָנען, און ווען זיי זאָלן אַפילו יאָ האָבן געלט, וואָלטן זיי סיי ווי נישט געקאָנט זיך לאָזן הערן דורך דער פּרעסע, מחמת די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען ווען נישט אָפּדרוקן קיין מעלדונגען פון די אָרימעלייט, זאָל דאָס זיין אַפילו אין דער פאָרם פון אַ באַצאָלטער רעקלאַמע. די ראַדיאָ-סטאַציעס וועלן נישט צולאָזן צום אַפּאַראַט קיין רעדנער, וואָס טרעט אַרויס אין שוץ פון די אָרימע. מיר איז אויסגעקומען צונויפצושטויסן זיך מיט די און יענע, און דערפאַר ווייס איך עס.

וואָס שייך דער צווייטער פּאַרטיידיקונגס-ליניע, ד. ה. דער געזעצגעבונג, דאַרף איך אייך זאָגן, אַז קיין איינמאָל זינט דער צייט פון בירגער-קריג האָט דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק נישט געקאָנט דורכפירן אין לעבן וועלכן ס׳איז וויכטיקן געזעץ, וואָס זאָל פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן. אַלס באַווייז דערצו דינט שוין דאָס, וואָס אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אין דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט, האָבן אפילו אין פּעריאָד פון העכסטן אויפבלי פון זיין אינדוסטריע, די אָרימע פּונקט ווי פריער ווייטער געלעבט אין אָרעמקייט. וואָס אַן אמת, זענען בײַ אונז אונטערגענומען געוואָרן קאַמפּאַניעס מיטן צוועק פון „רייניקונג”. איך דערמאָן זיך, ווי מיט פיל יאָרן צוריק האָט דער „זשורנאַל פאַר אַלע” זיך גערימט אין אַ לייטאַרטיקל, אויסרעכנענדיק אַלע זיינע „קרייצצוגן”, וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן לטובת דעם פאָלק. און איך האָב אַלס ענטפער זיי אָנגעשריבן און געבעטן צו ברענגען כאָטש איין ביישפּיל, ווען דידאָזיקע ריטערישע אַרויסטרעטונגען האָבן געבראַכט וועלכן ס׳איז פּראַקטישן רעזולטאַט, ווען איז כאָטש איין דאָלאַר איבערגעגאַנגען פון גבירס קעשענע אין דער קעשענע פון די אָרימעלייט. און דער זשורנאַל האָט זיך צומאָל נישט אָפּגערופן אויף מיין אַרויספאָדערונג. אגב האָט דער „זשורנאַל פאַר אַלע”, פּונקט ווי ס׳רוב גרויסע אַמעריקאַנישע זשורנאַלן, שוין באַוויזן זינט יענער צייט צו פאַרגעסן וועגן דעם, אַז ער איז אַמאָל געווען פאַראינטערעסירט אין די פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן יושר.

די דריטע פּאַרטיידיקונגס-ליניע — איז אונזער געריכט, און דאָס איז דאָס שענדלעכסטע זייטל, און דערפאַר וועל איך דערדאָזיקער פראַגע ווידמען אַ באַזונדערן בריוו. לעת עתה וויל איך זאָגן פאָלגנדיקס: אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַריי-ניקטע שטאַטן איז נישט פאַראַן דער מינדסטער רמז דערויף, אַז דעם געריכט ווערט איבערגעלאָזן דאָס רעכט צו אַנולירן וועלכן ס'איז באַשלוס פון קאָנגרעס. און אויב דאָס געריכט דערלויבט זיך עס, איז נאָר צוליב דעם גראָבן פאַרכאַפּערישן רעכט, און אים געלינגט עס בלויז דערפאַר, וואָס עס טוט דאָס אין די אינטערעסן פון די גבירים. באַנוצנדיק זיך דערמיט, האָט אונזער געריכט אַנולירט איין געזעץ נאָכן אַנדערן, אין צדאַנק דעם אַנומלטיקן באַשלוס פין אויבערגעריכט, זענען [illegible] מיליאָן קליינע קינדער אָפּגעגעבן געוואָרן צו שקלאַפעריי אין די קוילן-שאַכטן און אין די באַוול-פּאַפּיר-פאַבריקן.

לסוף די לעצטע פּאַרטיידיקונגס-ליניע, ווי איך האָב גע-זאָגט — ווען די גבירים נעפעלט נישט וועלכעס ס'איז געזעץ, גרייפן זיי עס פשוט אָן. אַ ראיה דערצו קאָנט איר געפינען אין אונזער געזעץ, וואָס פאַרווערט דאָס פאַרקויפן און באַנוצן ספּירט-משקאות, נישט קוקנדיק אויפן דאָזיקן געזעץ, האָט מען מיר נישט איינמאָל פאָרגעלייגט שאַרפע משקאות אין די קאַבי-נעטן פון אָנגעזעענע סענאַטאָרן און רעגירונגס-באַאַמטע. דאָס-זעלבע קאָנט איר זען פון יענעם פאַקט, וועגן וועלכן כ'האָב שוין דערמאָנט: אין יאָר 1916 האָט דער מלוכה-קאָנטראָלער אָפיציעל דערקלערט, אַז פון 7613 נאַציאָנאַלע בענק פאַרנעמען זיך 2743, ד. ה. 36 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל, מיט ליכווע. אָבער צי איז אייך שוין אויסגעקומען צו זען, אַז מ'זאָל די באַנקירן משלח זיין אין תפיסה אריין? נאַטירלעך, אַז נישט!

אָדער לאָמיר נעמען דאָס שערמאַן-געזעץ, וואָס פאַרווערט צו בילדן טרעסטן. דאָ שטויסט איר זיך אָן אויפן סאַמע הימל-שרייענדיקן אָנגריף פון געזעץ אין אונזער געשיכטע, ווען לויטן ווילן פון די רייכע איז אַנולירט געוואָרן דער באַשלוס פון קאָנגרעס. דאָס שערמאַן-געזעץ פאַרווערט דאָס בילדן קאָמבי-נאַטן, מחמת דאָס שאָדט דעם האַנדל. אָבער דאָסדאָזיקע געזעץ איז אַ שטערונג פאַר די גרויסע רווחים, און די גרויסאינ-

דוסטריע וויל זיך פשוט פון זיי נישט אָפּזאָגן. במשך פון איין
און דרייסיק יאָר האָבן די טרעסט-מאַגנאַטן געקעמפט מיט דער
רעגירונג און מיטן געריכט, הן דורך די וואַלן, הן מיט דער
הילף פון דער פאַרקויפטער פרעסע, הן פשוט דורך שוחד און
אינטריגעס. דייענוקע, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּקויפן, האָבן
זיי באַשפיגן און אַרויסגעשטויסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן,
ווי דאָס איז געשען, למשל, מיט טעאָדאָר רוזוועלט. און אין
רעזולטאַט שטעלט דאָס שערמאַן-געזעץ מיט זיך פאָר נישט עפּעס
אַנדערש, ווי אַ טויטן בוכשטאַב. נאָך באַ הייַנטיקן טאָג קומט
פאָר דאָס אָרגאַניזירן פון גרויסע קאָמבינאַטן; דריי קראַפט-
סטאַציעס, דער ברויט-טרעסט, ראַדיאָ-טרעסט, קינאָ-טרעסט, און זיי
אַלע פירן-איין אַ מאָנאָפּאָל אין זייער צווייג, שרויפן-אויף די
פרייזן, ווי ס'געפעלט זיי, און בלאָזן-אויף זייערע אַקציעס אויף
טויזנטער פּראָצענט.

ווי אַזוי-זשע רעאַגירט די רעגירונג אויף אַזאַ זאַכלאַגע?
איינער פון די אַמייסטן אָנגעזעענע רעכט-צעשטערער, דער ראש
פון אַלומיניום-טרעסט, פאַרנעמט אין דער רעגירונג פון פּרעזי-
דענט קולידזש דעם אַמט פון פינאַנץ-מיניסטער און דיקטירט
געזעצן. איינעם, מיט דער הילף פון וועלכן זיין הכנסה-שטייער
ווערט אָפּגעשניטן אויף אַ העלפט, אַ צווייטן — וואָס גיט אים
די מעגלעכקייט צו האַלטן בסוד זיינע ריווחים.

נעמט, למשל, דעם נאַפט-טרעסט „סטאַנדאַרט אויל". אין
יאָר 1911 האָט דאָס אויבערגעריכט באַשלאָסן וועגן דער אויפ-
לייזונג פון דאָזיקן טרעסט. דער צוועק דערפון איז געווען —
צוריקצושטעלן די קאָנקורענץ אויפן מאַרק, וואָס איז געווען אָפּ-
געטויט דורכן מאָנאָפּאָל. דער פּאַפּיר-טרעסט האָט זיך אונטער-
געוואָרפן און זיך באמת פונאַנדערגעטיילט אויף 32 באַזונדערע
קאָמפּאַניעס; אָבער צוליב עפּעס אַ מאָדנער סיבה זענען די אַלע
קאָמפּאַניעס פאָר צו אַרבעטן אין פולשטענדיקער ברידערלעכער
האַרמאָניע, און במשך פון צען יאָר איז דער מאַרק-ווערט פון
זייערע אַקציעס געשטיגן אויף 35 מאָל, און די דיווידענדן,
וואָס זענען אויסגעצאָלט געוואָרן די אַקציאָנערן, איינשליסנדיק
באַטירלעך, די דיווידענדן אין דער פאָרם פון אַקציעס, האָבן
איבערגעשטיגן דעם לכתחילהדיקן קאַפּיטאַל אויף זיבעצן מאָל.

מיס אַנדערע ווערטער, די קאָמפּאַניע „סטאַנדאַרט-אויל" האָט פאַרוואַנדלט דאָס געזעץ אין אַ לצנות, אונטערוואַרפנדיק זיך אויפן פּאַפּיר און עובר זייענדיק אויף אים אין דער פּראַקטיק. און פונדעסטוועגן, צי האָבן די אָבליגאַציעס פון דערדאָזיקער פאַר-ברעכערישער אָרגאַניזאַציע פאַרלוירן עפּעס פון זייער פּרייז? צי זענען זייערע דאָלאַרן געוואָרן ווייניקער ממשותדיק?

איר טאָרט נישט, דזשעד, שטעלן אַזעלכע פראַגן, ווייל מ'קאָן אייך נאָך אָנרופן באָלשעוויק.

ביינטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

איצט ווייסן מיר שוין, וואָס עס באַטייט דאָס וואָרט „פּריווילעגיעס". אין די פאַרייניקטע שטאַטן לעבן הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועמען ס'קומט נישט אויס אויסצופירן קיין שום נוצלעכע אַרבעט אין אונזער געזעלשאַפט. זיי באַנוצן זיך פּשוט מיט די פּרוכטן פון פרעמדער פּראַצע, און אַלץ, וואָס ס'איז נאָר פאַראַן גוטס אין לעבן, פליסט עס אַראָפּ צו זיי. און דערדאָזיקער מצב איז פאַרזיכערט אי זיי אַליין, אי זייערע קינ-דער ביז דער אומענדלעכקייט. אַפּע אונזערע פּאָליטישע לערעס, אַלע אונזערע עקאָנאָמישע חשבונות זענען באַגרינדעט דערויף, אַז דערדאָזיקער מצב דאַרף בלייבן אויף תמיד. דאָס אייגנטום באַוואָרנט זיך דאָס אומאָפּוועגדבאַרע רעכט צו באַקומען פּראָ-צענטער, דיווידענדן און ריווחים. גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די-יעניקע, וואָס באַנוצן זיך מיט די פּריווילעגיעס, גלויבן אין דער הייליקייט פון דאָזיקן רעכט. געווען אַ צייט, ווען ס'האָבן די-דאָזיקע מענטשן פאַרטיידיקט די פּריסטער, דערנאָך די מלכים, איצט ווידער פאַרנעמען זיך מיטן דאָזיקן ענין אונזערע ריכטער. און אונזערע צייטונגען קענען נישט קיין שרעקלעכערן פאַר-ברעכן, ווי דאָס קריטיקירן אונזער געריכט. דער מענטש, וואָס

וואַגט דאָס צו טון, ווערט באַטראַכט פאַר אַ דעמאַגאָג און אונטערהעצער, און פון צייט צו צייט שטרעקט דער קאַפּיטאַל אויס זיין מעכטיקע לאַפּע און שליידערט אים אַריין אין תּפיסה.

און דאָך, דזשעד, וועל איך ריזיקירן און אייך זאָגן, אַז די ריכטער זענען סך־הכּל פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי אַלע אַנדערע גבֿירים. איך דיספּאָניר נישט מיט קיין סטאַטיסטישע דאַטן, סאַראַ פּראָצענט פון אונזערע ריכטער באַשטייט פון געוועזענע יוריסקאָנסולטן פון די גרויסע קאָמפּאַניעס, אָבער איך מיין, אַז דערדאָזיקער פּראָצענט איז זייער נאָענט צו הונדערט.

כּדי צו פאַרנעמען אַ פּרעזעס־שטול אין געריכט, דאַרף מען זיין אַ „גרויסער" יוריסט. און וויאַזוי־זשע קאָן אַ מענטש ווערן אַ גרויסער יוריסט — מיט אַנדערע ווערטער, צונויפשאַרן אַסאַך געלט – אויב ער וועט נישט דינען דייעניקע, בײַ וועמען דאָסדאָזיקע געלט געפינט זיך. און ווי אַזוי קאָן מען זיך דערשלאָגן אַ באַשטימונג אויפן אַמט פון אַ ריכטער, אויב נישט דורך אַ פּאָליטישן לידער, וואָס דיספּאָנירט מיט דידאָזיקע נאָמינאַציעס? און, נאַטירלעך, וועט אייך דערדאָזיקער לידער נישט מזכּה זיין מיטן דאָזיקן כּבֿוד, נישט פרעגנדיק לכתּחילה, ווי אַזוי איר וועט אויסנוצן דעמדאָזיקן אַמט, ווען איר וועט באַשטימט ווערן אויף אים. ווערט דאָך געשטעלט אויף דער קאָרט פיל מיליאָנען דאָלער, וואָס זייער גורל וועט אָפּהענגיק זיין פון אייערע ריכטערישע באַשלוסן.

איך בין אַ געוויסע צייט געווען אינטים באַקאַנט מיט אַ גרויסן ריכטער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַפּעלאַציע־געריכט פון שטאַט ניו־דזשערסי, אַנדערש גערעדט, ער איז געווען איינער פון די פינף העכערע ריכטער אין אַזאַ שטאַט, וווּ פיל פון אונזערע גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיך פאַררייניקט אין טרעסטן, אַדאַנק די דאָ הערשנדיקע „לייכטע" געזעצן. דערדאָזיקער גרויסער ריכטער איז אין דערזעלביקער צייט געווען דער גרויסער יוריסקאָנסולט פון אַ קאָרפּאָראַציע אין שטאַט ניו־יאָרק, און אַגבֿ האָט קיין שום יוריסקאָנסולט נישט באַקומען אַזאַ שכירות ווי ער. אים געהערט עס דאָס לערנבוך, לויט וועלכן מ׳גייט אין אונזערע שולן דורך די געזעצן וועגן קאָרפּאָראַציעס. ער רופט זיך דזשעמס ב. דילל. איך פלעג גאַנץ

אַפּט זיצן אין קאַבינעט פון דאָזיקן מענטש און אויסהערן זיינע דערציילונגען.

ענדיקנדיק דעם יורידישן פאַקולטעט, האָט ער באַקומען אַן אָרט אין דער יורידישער אָפּטיילונג פון אַ גרויסער אייזנבאַן. אויף אים איז געלעגן דער חוב צו פאַרטיידיקן די אייזנבאַן פון ציווילע תביעות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אומגליקלעכע צופאַלן. אַ צווייטער יוריסט, וואָס האָט אים אויפגעקלערט די נייע פליכטן, האָט אויפגעמאַכט איינס פון די שופלאָדן פון זיין טיש און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ רשימה פון די שטאַט-ריכטער.

— איר זעט, — האָט ער געזאָגט — אַז געוויסע נעמען זענען דאָ באַ אונז אָנגעמערקט. ווען באַ אונז וועט זיך טרעפן עפּעס אַן ענין, טאָ באַמיט זיך, אַז ער זאָל דורכגעפירט ווערן דורך איינעם פון דידאָזיקע ריכטער. דאָס זענען — אונזערע ריכטער.

ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין שטוינונג צוליב דעם געהערטן, האָט מיסטער דיל צוגעגעבן:

אין אויבערגעריכט פון שטאַט ניו-יאָרק זיצן 22 ריכטער, און 19 פון זיי זענען זשוליקעס. איך קאָן זאָגן צו יעטוועדן פון זיי: „איך ווייס, ווער ס׳האָט אייך אונטערגעקויפט". און ער וועט נישט וואַגן מיר עפּעס צו ענטפערן.

ווען דיל איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין הויכן אַמט אין שטאַט ניו-דזשערסי, און ס׳איז וועגן דעם געוועזן אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען, האָט זיך צו אים געמעלדעט איינער פון די אַלטע אוניווערסיטעט-פריינט און אין נאָמען פון אייזנבאַן-מאַג-נאַט האַרימאַן אים פאָרגעלייגט צו בלייבן אויף זיין אַמט אין ניו-יאָרק אויף אַ פּענסיע פון 50,000 דאָלער אַ יאָר, צוגעבנדיק דערביי:

אייך וועט אַבסאָלוט נישט אויסקומען גאָרנישט צו טון.

דאַן האָט דיל געפרעגט:

— סאַראַ ענין פון האַרימאַן שטייט אויף דער טאָגאָרדע-נונג אין אויבערגעריכט פון שטאַט ניו-דזשערסי?

זיין פריינט האָט געענטפערט, אַז דאָ גייט די „גאַנצע

זאך אין פרינציפ״, פשוט, הייסט עס, דער גרויסער מאגנאט וויל האָבן פריינט אין דער פערזאָן פון ריכטער.

דאן האָט אים דיל געענטפערט:

— גיט איבער הארימאנען, אז א פעטער הערכט באמית זיך נישט צוליב א מיק.

בעת דער מענטש ציט אויף זיך ארויף א שווארצן ריכטער־מאנטל און זעצט זיך אויפן פרעזעס־שטול, ענדערט ער נאָך דערמיט גופא כלל נישט זיין הויט. נעמט, למשל, אזא קולאק און פארשאָלטענעם ארבעטער־שונא, ווי באָטלער פון מינעאפאָליס, וועמעס קאריערע ס׳איז איינגאנצן אוועק אויפן דינסט בא די קאפיטאליסטן, אין נאָמען פון זייער גיריקייט און צוליב דעם קאמף מיט די ארבעטער. און ווען אזא מענטש ווערט באשטימט אויפן אמט פון אויבערריכטער פון די פאראייניקטע שטאטן, שוין־זשע וועט ער זיך כאָטש אויף א האָר ענדערן? ער טרעט אומפארזוימט צו פאָרצוזעצן דעם קאמף אין זעלבן גייסט, נאָר מיט יענעם אונטערשיד, וואָס איצט האָט ער אין האנט א קאָלאָסאלע קראפט: ער קאָן דערקלערן וועגן עפעס א געזעץ, אז עס איז סותר דער קאָנסטיטוציע און אנולירן עס.

די קאָנסטיטוציע גיט בשום אופן קיינעם נישט דאָס רעכט צו אנולירן דעם נאציאָנאלן ווילן, און איר דארפט זיך כלל נישט אינפאָרמירן וועגן דעם בא די גרויסע יוריסטן — נעמט די קאָנסטיטוציע און לייענט זי אליין איבער. און טוט א קוק, אלמאי דידאָזיקע עקס־משרתים פון די טרעסטן באנוצן זיך מיט זייער פארכאפערישן רעכט. דאָס איז דערפאר, כדי צו פארטיידיקן דאָס הייליקע רעכט פון די גרויסע פאבריקאנטן צו עקספלואטירן די ארבעט פון די קינדער־שקלאפן און צאָלן נישטיקע גראָשנס די פרויען.

די גבירים פירן דורך געזעצן, וואָס זענען נוצליך פאר זיי, הגם דידאָזיקע געזעצן זענען אין אן אָפענער כתירה צו דער קאָנסטיטוציע.

וואָס־זשע קומט דאן פאָר?

דער ענטפער איז א פשוטער:

דאָס געריכט שטעלט זיך אויף דער פארטיידיקונג פון

פון דידאָזיקע געזעצן, אומאָפּהענגיק דערפון, ווי עס לויטעט די קאָנסטיטוציע בנוגע דער געגעבענער פראַגע.

די קאָנסטיטוציע פון די פאַרייניקטע שטאַטן גיט יעדן בירגער פּלומרשט דאָס הייליקע רעכט צו האַלטן בײַ זיך אין הויז און טראָגן בײַ זיך געווער און דאָך האָט די געזעצגע־בערישע קאַמער פון שטאַט ניו־יאָרק אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, וואָס פאַרווערט צו האַלטן בײַ זיך אַפילו אַ רעוואָלווער. אַ געוויסער ניו־יאָרקער יוריסט האָט געפּרוווט אַרויסטרעטן אַקעגן דאָזיקן געזעץ און דערפירט די זאַך צום אויבערגעריכט און דאָך געליטן אַ מפּלה.

פּונקט אַזוי לויטעט אויך די קאָנסטיטוציע, אַז איטלעכער בירגער האָט דאָס רעכט פריי אויסצודריקן אין מינדלעכער און שריפטלעכער פאָרם זיין מיינונג וועגן וועלכער ס׳איז פראַגע, טראָגנדיק דאָס אחריות פאַר מיסברויכן מיטן דאָזיקן רעכט. קיינער האָט נישט קיין רעכט אַרויסצוגעבן געזעצן, וועלכע זאָלן באַגרעניצן און אָפּנעמען די פרייהייט פון וואָרט און דרוק. וואָס קאָן זיין קלאָרער פון דידאָזיקע ווערטער? און דאָך איז דאָ בײַ אונז אַ געזעץ וועגן „פאַרברעכערישן סינדיקאַליזם״, אַדאַנק וועלכן זיבן הונדערט מענטשן זיצן אין תּפיסה בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט זייערע פּאָליטישע אָנ־שויונגען. איך אַליין בין, ווי ס׳איז אייך באַוווּסט, געווען אַרעסטירט אויפן יסוד פון דאָזיקן געזעץ, אָבער מיין גאַנץ פאַרברעכן איז באַשטאַנען דערין, וואָס כ׳האָב גענומען לייענען הויך די קאָנסטיטוציע פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין אַזאַ אָרט, ווו כ׳האָב קיינעם נישט געקאָנט שטערן, און מודיע זייענדיק פריער די מאַכט וועגן דעם, אַז כ׳האָב בדעה צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן רעכט, וואָס איז מיר דערלויבט דורך די קאָנסטיטוציע.

דערלויבט אייך צו דערציילן אַ קליינעם טשעקאַוון פּרט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן אינצידענט. אויפצומאָרגנס, נאָכ־דעם ווי כ׳בין אַרויס פון תּפיסה, האָב איך געטראָפן אויפן גאַס איינעם פון די מיטגלידער פון אויבערגעריכט פון שטאַט קאַליפאָרניע. מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים שטאַמט דערפון, וואָס כ׳פלעג אָפט שפּילן אין טעניס מיט זיין זון. דער אַלטער דזשענטעלמאַן האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע און געזאָגט:

— זעצט פאַר אין דאָזיקן גייסט, מיין פריינט! איר זענט פולקאָם גערעכט.

אָבער ווען כ׳האָב אים פאָרגעלייגט עפנטלעך וועגן דעם צו מעלדן, האָט ער געענטפערט, אַז ער געפינט עס נישט פאַר מעגלעך פאַר זיך. ווען כ׳האָב אים פאָרגעלייגט צו ווערן אַ מיטגליד פון „פאַרבאַנד פון בירגערלעכער פרייהייט” און צוהעלפן פאַרטיידיקן די אַנדערע בירגער, וועמעס רעכט ס׳ווערן אָנגעגריפן, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס האַלט ער אויך פאַר אוממעגלעך פאַר זיך.

אָט זעט איר. ווי די סאַמע ליבעראַלע ריכטער זענען געבונדן מיט הענט און פיס, און צוליב אונטערטעניקייט און נאָכמאַכונג געפינען זיי בעסער פאַר נויטיק, אַז אַנדערע זאָלן נעמען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון געזעץ.

איך בין געווען אַן עדות דערפון, ווי די פּאָליציי האָט איינגעאָרדנט אַן אָבלאַווע אויף דער רעדאַקציע פון אַ געוויסן זשורנאַל אין לאָס-אַנזשעלעס, נישט האָבנדיק צומאָל קיין דערלויבניש דורכצופירן אַ רעוויזיע, און דער רעדאַקטאָר, אַ מלחמה-וועטעראַן, איז געוואָרן צעשלאָגן און אַריינגעשליידערט אין תפיסה. און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס דער מאַכט איז נישט געווען צום האַרצן דאָס, וואָס ער האָט געשריבן. און דאָס געריכט האָט נישט בלויז דאָס אַפּראָבירט און פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דאָזיקן רעדאַקטאָר, נאָר וואָלט אים זיכער משלח געווען אין תפיסה, ווען ער זאָל נישט באַוויזן צו אַנטלויפן.

אין ניו-יאָרק האָבן די פעדעראַלע פּאָליציי-אַגענטן אַרעסטירט אַ געוויסן מענטש, געהאַלטן אים אין אַ צימער אויפן שפּיץ פון אַ וואָלקנקראַצער און במשך פון דריי וואָכן נישט דערלויבט אים מיט עמיצן זיך צו זען. זיי האָבן אים אונטערגעוואָרפן איבער דער צייט אונטער כלערליי עינויים, און סוף כל סוף האָט זיך דער אומגליקלעכער אַרויסגעוואָרפן פון פענצטער און געהרגעט געוואָרן צום טויט. צוויי אַנדערע מענטשן האָבן איינגעאָרדנט פּראָטעסט-מיטינגען אַקעגן אַזאַ נידערטרעכטיקייט, און דאַן האָט מען זיי גופא אויפן סאַמע אומפאַרשעמטן אופן באַשולדיקט אין עפּעס אַ מיאוסן פאַרברעך, און בלויז דורכן אויסגעבן אַ גרויסע סומע געלט אויף זייער פאַרטיידיקונג, איז די

אַרבעטער געלונגען זיי אָפּצוראַטעווען פון דער תּליה. דאָס איז דער ענין פון סאַקאָ און וואַנצעטי. און איר קאָנט הערן וועגן הונדערטער נאָך ערגערע ענינים, אויב איר וועט זיך ווענדן אין אַמעריקאַנישן פאַרבאַנד פון בירגערלעכער פרייהייט, ניו-יאָרק, פינפטע עוועניו, נומער 100.

וואָס שייך דעם ציווילן געריכט, וווּ ס׳גייט וועגן דער פאַרטיידיקונג פון אָרימאַן, טאָ קומען דאָ טעגלעך פאָר אַזעלכע סקאַנדאַלן, אַז אַפילו דער הערלעכער פּלוטאָקראַט אונזערער, דער געוועזענער פּרעזידענט טאַפט, וואָס פאַרנעמט באַ היינטיקן טאָג דעם אַמט פון פּרעזעס פון אויבערגעריכט, האָט אַמאָל דערקלערט:

— מיר דאַרפן טון אַזוי, אַז דער אָרימער מענטש זאָל האָבן כּמעט פּונקט אַזעלכע מעגלעכקייטן באַם געריכט, ווי דער רייכער, מחמת צו אונזער חרפּה, מוז מען מודה זיין, אַז באַ היינטיקן טאָג איז דאָס ווייט נישט אַזוי.

טוט נאָר אַכטונג, דזשעד, סאַראַ איידלקייט אין די אויסדריקן: „כּ מ ע ט אַ ז ע ל כ ע מ ע ג ל ע כ ק י י ט ן“. אָבער נאַטירלעך זענען דידאָזיקע מעגלעכקייטן זייער באַגרעניצט, מחמת נישט אומזיסט רופט אָן דער פּראָפעסאָר פון יורידישן פאַקולטעט פון האַרוואַרד-אוניווערסיטעט פאַונד די באַציונג פון אונזערע געזעצן צו די אָרימע אַ „פאַראַכטונג“, וואָס פאַראורטיילט די אַמעריקאַנישע יוסטיץ“.

צענטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

ווי מיר האָבן געזען, קעמפן די אָרימע דערפאַר, כּדי צו פאַרטיידיקן זיך פאַר די רייכע אויפן פּאָליטישן געביט, אָבער, ליידער, אָן דערפאָלג. פאַראַן נאָך איין געביט, אויף וועלכן די אָרימקייט פירט אַ קאַמף, און נעמלעך — אויפן אַרבעטס-מאַרק. לאָמיר אַ קוק טון, וואָס דאָרט קומט פאָר.

זענדיק, אַז די באַלעבאַטים פאַרדייניקן זיך אין גרויסע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די אַרבעטער אַ טראַכט געטון, אַז ס'וואָלט נישט געשאַדט, אַז אויך זיי זאָלן זיך פאַרדייניקן און פאַרקויפן זייער אַרבעט אַלס איין גאַנצס. מתחילת האָבן די באַלעבאַטים אויפ־געהויבן אַ ליאַרעם און פאַרוואַנדלט אַזאַ האַנדלונג מצד די אַרבעטער אין אַ פאַרברעך, און נישט איין אַרבעטער איז אַריינ־געפאַלן אין תפיסה, כל־זמן, נאַטירלעך, ס'איז דעם אַרבעטער־קלאַס נישט אָנערקענט געוואָרן דאָס רעכט פון פאַרדייניקונג.

אָבער אַפילו איצט ווערט דאָסדאָזיקע רעכט נאָכגעגעבן זייער און זייער אומגערן. די באַלעבאַטים זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג זיכער דערין, אַז די מינדסטע שטערונג אויף זייער וועג, וואָס קאָן פירן צו דער פאַרקלענערונג פון די ריווחים, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פאַרברעך, און מיט דער הילף פון זייערע ריכטער רינגלען זיי אַרום זייערע פאַריי־נען מיט אַ גאַנצער ריי אַרומצוימונגען אין געשטאַלט פון כלערליי באַגרענעצונגען. אין דער איצטיקער מינוט דריקט זיך די באַציונג פון די באַלעבאַטים אויס אויף פאָלגנדיקן אופן: „מיר האָבן גאָרנישט אַקעגן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אויף וויפיל זיי דערפירן סיי ווי צו גאָרנישט".

איר, דזשעד, געהערט נישט צום פאַריין, איר זענט אויסגעוואַקסן אין אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ, און איצט לעבט איר אויך אין אַ פאַרשטאָט, וואָס דערמאָנט אָן אַ דאָרף, וווּ יעדער קען יעדן און ווו די מענטשן, פאַר וועלכע איר מאַכט טשעשלער־אַרבעט, זענען נישט פיל רייכער ווי איר גופא. איר קאָנט יעדע רגע וואַרפן די אַרבעט, אויב זי געפעלט אייך נישט, און אַזוינאָך האָט זיך באַ אייך אויסגעאַרבעט דאָס געפיל פון פרייהייט.

אָבער שטעלט אייך פאָר, דזשעד, אַז איר זענט אויסגע־וואַקסן אין תהום פון דער גרויסער שטאָט און ס'איז אייך אויסגעקומען צו אַרבעטן באַם אויפבויען גרויסע הייזער באַ וועלכן ס'איז אונטערנעמער. און שטעלט אייך פאָר, אַז אין אַ גאָר קורצער צייט וואָלט איר זיך איבערצייגט, אַז פאַרלאָזנדיק איין אַרבעט, קומט אייך אויס צו זוכן אַרבעט באַ אַן אַנדערן אונטערנעמער, וואָס ווייזט זיך אַרויס אַלס מיטגליד פון דער־

זעלביקער אַרבעטסגעבער־אַסאָציאַציע און צאָלט פּונקט אַזויפיל ווי דער ערשטער באַלעבאָס. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס וואָלט אַריינגעטראָגן אַ היפּשע ענדערונג אין אייער פאָרשטעלונג וועגן פרייהייט.

שטעלט אייך פאָר, אַז איר זענט אויסגעוואַקסן אין עפּעס אַן אינדוסטריעלן צענטער און אַרבעט, למשל, אין קוילן־ צי אין שטאָל־ אָדער גאָר אין פלייש־טרעסט. איר האָט געלייענט מיין ראָמאַן „דזשונגלעס” און איר ווייסט, וויאַזוי ס׳האָבן געלעבט מיט צוואָנציק יאָר צוריק די אַרבעטער־שקלאַפן פון טשיקאַגאָ. דערלויבט אייך צו זאָגן, אַז אויך ביי היינטיקן טאָג לעבן זיי אין דיזעלביקע באַדינגונגען. וואָס שייך מיין ראָמאַן „דזשונגלעס”, האָב איך ערגעצווו געזאָגט, אַז איך האָב געצילט אין האַרץ פון פּובליקום און צופעליק געטראָפן אין מאָגן. דאָס פּובליקום פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אים געבן בעסער פלייש, אָבער קיינער האָט זיך נישט פאַרינטערעסירט מיט דער פאַרבעסערונג פונם לעבנסשטייגער פון די אַרבעטער.

דאָסזעלביקע איז אויך נוגע די שקלאַפן פונם „קעניג־קויל”. דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז לגמרי נישט געוואָרן דערשיטערט דערפון, וואָס די מענטשן, וועלכע גראָבן אויס פאַר זיי קוילן, לעבן אין „פּריוואַטע אימפּעריעס”, ווו דעם אַרבעטער ווערט אָפּגעזאָגט נישט בלויז די עלעמענטאַרע רעכט פון אַ בירגער, נאָר אַפילו די רעכט פון אַ מענטש.

און אין אַזעלכע ערטער ליגט די גאַנצע האָפענונג פון די אַרבעטער אויף דער אָרגאַניזאַציע; אַ דאַנק זיי פאַרהאָפן זיי צו ווערן אַ שטאַרקער פראָנט אַקעגן די באַלעבאַטים און זיך דערשלאָגן בעסערע באַדינגונגען, דראָענדיק מיט וואַרפן די אַרבעט. אין משך פון הונדערט יאָר האָבן די אַרבעטער געשמידט דאָסדאָזיקע געווער און עס פון צייט צו צייט אויסגעפּרוווט. בּאַ היינטיקן טאָג עקזיסטירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן 4.000.000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער אַלגעמיינער צאָל 42.000.000 אַרבעטנדיקע. נאַטירלעך, איז עס אַ זייער נישטיקער פּראָצענט, אָבער איר ווייסט, דזשעד, וואָס ס׳הייסט אַ שטיקל היוון, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין טייג. מעגלעך, אַז איר וועט קיינמאָל נישט אַ טראַכט טון וועגן דעם, סאַראַ איינפלוס

ס'האָבן אויסגעאיבט די 315.000 אָרגאַניזירטע טשעשלער אויפן לעבן פון אַזעלכע אומאָרגאַניזירטע טשעשלער ווי איר. דידאָזיקע מענטשן האָבן איינגעשטעלט אַ מינימום אַרבעטסלוין, וועלכן ס'וואָלט אין קעגנפאַל נישט געקאָנט קיין שום טשעשלער. איז דאָך בלויז אַדאַנק זיי קיין שום בעלבאָס נישט אימשטאַנד אויסצופירן אַן אונטערנעמונג אויף פרייזן, וואָס זענען נידעריקער פון די פעסטגעשטעלטע דורכן פאַריין; ראשית דערפאַר, וואָס ס'איז זייער שווער צוצונעמען אַ גרויסע צאָל קוואַליפיצירטע אַרבעטער מחוץ די פאַריינען, והשנית דערפאַר, וואָס ס'עקזיסטירט תמיד די געפאַר, אַז צווישן די אייגענע אַרבעטער וועט זיך אַריינכאַפּן אַ פאַריינס-אָרגאַניזאַטאָר.

מיר ווייזט זיך טיילמאָל אויס מאָדנע, ווען איך קוק אויף אייך, אויף אַ מענטש, וואָס באַציט זיך מיט חשד צו די פאַריינען, דערפאַר וואָס איר האָט זיך אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ מיטן סם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע און איר פאַרגעסט, אַז גלייכצייטיק געניסט איר אין פולער מאָס פון די טובות, וואָס די פאַריינען האָבן זיך דערשלאָגן פאַר אייך פאַרן פרייז פון גרויסע קרבנות.

און פונקט אַזוי קומט מיר פאָר קאָמיש, בעת איך זע, ווי די אַרבעטסגעבער, וואָס פירן אַ קאַמף מיט די פאַריינען און זידלען זיי, באַרימען זיך אין דערזעלביקער צייט מיט דער צופרידנקייט פון זייערע אַרבעטער, וואָס זענען נישט אָנגעשלאָסן אָן פאַריין, פאַרגעסנדיק, אַז דידאָזיקע צופרידנקייט ווערט דערגרייכט דורכדעם, וואָס זיי צאָלן אַנטשפּרעכנדיק צו די סטאַוועס, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די פאַריינען; זיי פאַרטראַכטן זיך נישט וועגן דעם, אַז אויב ס'וואָלטן נישט געווען קיין פאַריינען, וואָלט נישט דער בעלבאָס, נישט זיין אַרבעטער קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אַ מינימאַלער סטאַווקע. גיט כאָטש איינמאָל נאָך דעם זוילן די בעלבאַטים פון די „אָפענע וואַרשטאַטן" *) און איר וועט זען, ווי ס'וועט פאַלן דער אַרבעטסלוין פון „פרייען טשעשלער".

---

*) אַזוי הערן אָנגערופן די אונטערנעמונגען, וואָס נעמען צו אַרבעטער מחוץ די פראָפ. פאַריינען.

מיר האָבן שוין געזען, אַז אין אַמעריקע עקזיסטירט איין גאַנצע פּאָרן רייכן און אַ צווייט, פּאָלשטענדיק אַנדער גאַנצע פּאָרן אָרימען. אין דער אָרגאַניזירטער אַרבעט איז די דיראַזיקע לאַגע זייער גוט באַקאַנט. די פּאַרייגען וועט נישט געלינגען צו מאַכן קיין איין טריט צום פּאַרבעסערן די לעבנס-באַדינגונגען פון זייערע מיטגלידער, נישט אַנטרעפנדיק אויפן וועג דעם אייזערנעם קולאַק פון דער רעגירונג. איך האָב אייך שוין געוויזן, ווי די רייכע צעשטערן די געזעצן, וואָס געפעלן זיי נישט; אָבער איך ראָט נישט קיין שום אַרבעטער, צי ער איז אַ פּאַריינס-מיטגליד אָדער נישט, צו פּרוּוון טון עפּעס ענלעכס. בײַ אונדז איז פאַראַן געוויינלעך טורמעס און אַן עקלהאַפטע „דריטע שטופּע”, ווו מ׳וואַרפט די אַרבעטער אונטער טאָרטורן און מ׳לערנט „קענען זייער אָרט”.

איך וויל אייך ברענגען אַ ביישפּיל, דזשעד, איינס אַזאַ גן-עדנדיק ווינקל אין געשטאַלט פון אַן „אָפענעם וואַרשטאַט”. בײַ אונדז איז דאָ אַ גרופּע אַרבעטסגעבער-פעדעראַציעס, וואָס פירט אַן אייזערנע פּאָליטיק פון קלאַסן-קאַמף. דער אַרבעטס-געבער, וואָס איז וויליגעווייגט צו די פּאַרייגען, וועט קיינמאָל נישט באַקומען קיין שום ליפערונג, די באַנק וועט אים נישט געבן קיין קרעדיט, און די אַרבעטסגעבער-פעדעראַציע וועט אים אין לעצטן סך-הכל צעקוועטשן ווי אַ מיק. און פאַרשטייט זיך, אַז זיי פירן שטרענג אַ רשימה פון די מענטשן, וואָס געהערן צו די פּאַרייגען און שטעלן זיי אַרויף אויף דער שוואַרצער ליסטע. און דאָס אַלץ ווערט געטון פּאָלשטענדיק אָפן, און דערין דריקט זיך אויס די אינדוסטריעלע פּאָליטיק פון לאָס-אַנדזשעלעס, וואָס שטאָלצירט אַפילו דערמיט.

און דאָך, צי האָט איר אַמאָל געהערט, אַז דאָס זאָל אָנגערופן ווערן איבערשרייטונג פון געזעץ? צי האָט איר אַמאָל געזען, אַז דער רעדאַקטאָר פון „טיימס” אין לאָס-אַנדזשעלעס זאָל אָפּגעשיקט ווערן אין תּפיסה דערפאַר, וואָס ער רעקאָמענדירט די באַלעבאַטים נישט אָנצונעמען קיין טשעשלער, וואָס זענען מיטגלידער פון פּאַריין? ניין, דזשעד, איר וועט אַזוינס בשום אופן נישט זען.

צוליב אָט-דעם אַלעם איז בײַ די אַרבעטער אַנטשטאַנען

דער געדאַנק נאָכצוטון דעמזעלביקן ביישפּיל. און אויב די אַרבעטסגעבער קאָנען זיך אָפּזאָגן צו האָבן צו טון מיט אַזעלכע אַרבעטער, טאָ פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר אין אַזאַ פאַל נישט אָפּזאָגן זיך צו האָבן אַן עסק מיט אַזעלכע אַרבעטסגעבער? זיי האָבן טאַקע געפּרוווט דאָס צו טון — און איר ווייסט מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט?

פלוצלינג האָט זיך אַנטפּלעקט די עקזיסטענץ פון אַ נייעם מוראדיקן פאַרברעך, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „בויקאָט". די קאַפּיטאַליסטן האָבן גענומען שרייען, אַז דאָס איז — קאָנספּיראַציע, פאַרשווערונג, וואָס האָט דעם צוועק חרוב צו מאַכן דעם געשעפטס-מענטש און אים צונעמען דאָס „געזעצלעכע אייגנטום". און פון די ריכטער האָט מען פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן פאַרווערן אַזאַ זאַך, וואָס די לעצטע האָבן, נאַטירלעך, נישט פאַרזוימט אויסצופירן. פאַרן עובר זיין אויף אַזאַ געזעץ — אַ געזעץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די ריכטער — זענען די היטלמאַכער פון דאַנבערי, מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון שטאַט קאָנעקטיקוט, באַשטראָפט געוואָרן אויף 240 טויזנט דאָלער. און דאָס אויבערגעריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט באַשטעטיקט דעמדאָזיקן פּסק-דין.

לסוף האָט זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען איינגעגעבן צו דערשלאָגן דורכן קאָנגרעס דאָס איינפירן אַ געזעץ לטובת זיי, אָבער די ריכטער האָבן זיך באַלד גענומען אים אַרומשניידן און אים פאַקטיש דערפירט ביז צו נול. די אַרבעטער האָבן דאָס רעכט צו בויקאָטירן זייער אייגענעם באַלעבאָס, אָבער נישט קיין פרעמדע באַלעבאַטים. און זאָגט, דזשעד, צי איז אייך שוין אויסגעקומען צו זען אַן אַרבעטסגעבער-אַסאָציאַציע, וועלכער ס'זאָל דערלויבט זיין אַרויפצושטעלן אויף דער שוואַרצער ליסטע בלויז זייערע אייגענע אַרבעטער?

ווי כ'האָב אייך שוין געזאָגט, נעמען זיך די ריכטער דאָס רעכט צו אַנולירן די באַשלוסן פון קאָנגרעס, כדי זיך צו באַוואָרענען פאַר כלערליי אַרבעטער-אַרויסטרעטונגען, האָבן די ריכטער דערפינדן נאָך אַ צווייט געווער פאַר זייערע באַלעבאַטים-קאַפּיטאַליסטן, וואָס רופט זיך „פאַרבאָט". דאָס הייסט, אַז וועלכער ס'איז געוועזענער אַדוואָקאַט קאָן, ווערנדיק ריכטער,

ארויסגעבן אַ באַשלוס, לויט וועלכן ס׳ווערט פאַרבאָטן די אַרבעטער צו טון עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט ניחא דער קאָמפּאַניע. און די אַרבעטער קומט אויס צו האָרכן, מחמת אין קעגנפאַל וועלן אים די ריכטער משלח זיין אין תפיסה אַריין אויף אַזאַ טערמין, וואָס ס׳וועט געפעלן דער קאָמפּאַניע, און דערביי אָן אַ געריכט פון געשווירענע, אָן פאַרטיידיקער, אָן אַפּעלאַציע-רעכט — אין תפיסה אַריין און ווייטער גאָרנישט!

מ׳וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך, אויב מ׳וואָלט צונויפגענומען אַלע פאַרבאָטן, וועלכע ס׳האָבן נאָר צוגעטראַכט די ריכטער און איר וואָלט זיך געקאָנט גענוג אָנלאַכן — אויב מ׳זאָל פאַרגעסן די יעניקע ענויים, וואָס ס׳לעבן איבער די אַרבעטער-אָרימעלייט אין רעזולטאַט פון די אורטיילן, וואָס ס׳ווערן ארויסגעטראָגן אויפן סמך פון דידאָזיקע פאַרבאָטן.

אַ שטרייק פאַרן ארבעטער באַטייט אַ האָפענונג אויף עטוואָס בעסערע לעבנס-באַדינגונגען, אויף בעסערע שפּייז פאַר דער קראַנקער פרוי, אויף דער מעגלעכקייט צו שיקן די קינדער אין שול אַריין, אָבער דאָס אַלץ גייט לאיבוד צוליב די פאַרבאָטן, וועלכע ס׳טראָגט פלוצלינג ארויס די שטרענגע פּערזענלעכקייט אין שווארצן זיידענעם קיטל.

אפילו איצט, בעת איך שרייב דידאָזיקע שורות, ווער איך געוואָר, אַז ס׳האָבן פארשטרייקט די שניידער-ארבעטער אין ניו-יאָרק און דער ריכטער האָט ארויסגעגעבן אַ פארבאָט, לויט וועלכן ס׳ווערט פארווערט די ארבעטער נישט בלויז אוועקצושטעלן פּיקעטן בײַ די ווארשטאטן פון די באלעבאטים, נאָר אפילו זיך צו דערנענטערן אויף אַ מרחק פון צען קווארטאלן פון דאָזיקן אָרט.

אין די קוילן-ראַיאָנען פון מערב-ווירדזשיניע פארווערן די ריכטער מאסן-מיטינגען, געלט-זאמלונגען אויף צו אָרגאניזירן די ארבעטער אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; זיי פארווערן אפילו אויפצושטעלן פּאלאטקעס, אין וועלכע ס׳זאָלן קאָנען וווינען די פאמיליעס פון די קוילנגרעבער, וואָס זענען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון די וווינונגען!

מיר איז אויסגעקומען צו שמועסן אין מינעאַפּאָליס מיט אַן ארבעטער, וואָס איז אָפּגעזעסן זעקס חדשים אין תפיסה פאַר עובר זיין אויף אַזאַ פארבאָט. דערדאָזיקער מענטש האָט מיר

געוויזן אַ גאַנצע ריי פאַרבאָטן, וועמעס אויסצוג ס'וואָלט פאַר־
נומען עטלעכע זייטן אין דאָזיקן בוך. און דערדאָזיקער ארבעטער
האָט באם סוף פון אונזער שמועס צוגעגעבן:

— אויב איך וואָלט זיך אויפגעכאַפּט באַנאַכט און אַ טראַכט
געטון, אַז כ'האָב פיינט מיין באַלעבאָס, וואָלט איך דערמיט
אַליין עובר געווען אויפן געזעץ.

מיט יעדן יאָר, רייסן זיך די רייכע אַריין וואָס אמאָל
מער אין די רעכט פון די ארבעטער און אַלע בירגער פון די
פאַראייניקטע שטאַטן. זיי באַמיען זיך צו פאַרשטאַרקן אין באַ־
וווּסטזיין פון די מענטשן דעם פּרינציפּ, אַז יעטווידע אַריינמי־
שונג אין די ענינים פון די עיקרדיקע אינדוסטריע־צווייגן איז
אַ פאַרשווערונג אַקעגן דעם נאַציאָנאַלן וווילשטאַנד.

מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען קליוולענד האָט ארויסגע־
שיקט פעדעראַל־מיליטער קיין טשיקאַגאָ, צעקלאַפּט דעם שטרייק
פון די אייזנבאַנער און משלח געווען דעבסן אין טורמע אַריין,
האָט דידאָזיקע האַנדלונג ארויסגערופן אַ זייער דערשיטערנדיקן
איינדרוק. אָבער איצט זענען מיר צוגעוווינט צו אַזעלכע זאַכן,
און אין יאָר 1922 האָט די מאַכט אַרעסטירט אַכט פירער פון
די אייזנבאַנער אין לאָס־אַנדזשעלעס, דערקלערנדיק, אַז זייער
שטרייק איז אַ פאַרשווערונג, וואָס איז געווענדט אַקעגן דער
פּאָסט־טעלעגראַפן־געזעלשאַפט!

דער פּרעזידענט קולידזש האָט אין זיין רעדע אויף דער
עפענונג פון קאָנגרעס געפאָדערט דאָס ארויסגעבן אַ געזעץ,
וואָס זאָל פאַרווערן אַזעלכע שטרייקן, כדי דערמיט גופא צו
באַפרייען די ריכטער פון דער אומאָנגענעמער פליכט צו שאַפן
אַליין אַזעלכע געזעצן.

און איצט פרעג איך אייך נאָכאמאָל, דזשעד, צי פאַר־
שטייט איר, הלמאי די רייכע ווערן רייכער און די אָרימע
אָרימער? צי פאַרשטייט איר, הלמאי די ציפערן פון אַ געוויסן
פּראָפעסאָר ווייזן, אַז דער ארבעטסלוין פון אַמעריקאַנישן אַר־
בעטער איז געפאַלן אויף 5 פּראָצ. זינט דעם יאָר 1890?

איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז רייכקייט און אָרימקייט
דערקלערט זיך נישט דורך גאָטס ווילן, און אפילו נישט דורך
דעם אומבארחמנותדיקן געזעץ פון דער עקאָנאָמיק, נאָר פּשוט

דורך די האַנדלונגען פון מענטשן, מיט וועלכע ס׳פירט אָן דער סאַמע נידעריקער פון אַלע מענטשלעכע אינסטינקטן — די גיריקייט. און איצט זעט איר אַליין, דזשעד, אין וואָס ס׳באַשטייען די האַנדלונגען פון דיזאָזיקע מענטשן. איטלעכס מאָל, ווען עפּעס א ריכטער, א געוועזענער יוצר משרתים פון די קאַפּיטאַליסטן גיט ארויס א פאַרבאָט, וואָס צעברעכט דעם שטרייק, דריקט ער דערמיט אַליין נאָכמער אראָפּ דעם ארבעטסלוין פון אַמעריקאַנישן ארבעטער. ער נעמט אוועק באַם אָרימאַן נאָך אַ ברעקל און גיט עס אוועק דעם רייכן, און אָט דערפאר טאקע האָבן זיי אים דערהויבן אויף א העכערן אמט און אים געקויפט אַ שווארצן זיידענעם קיטל.

עלפטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

איך ווייס נישט, צי האָט איר אַמאָל געשפּילט אַ פּאָקער, אָבער מיר האָט עס פּאַסירט אין די טעג פון מיין זינדיקער יוגנט. איך געדענק, אַז טיילמאָל פלעגן מיר שפּילן אין פּאָקער, לויט אונזער אויסדרוק, „מיט אויספּרירונג״, ד. ה. די שפּיל האָט זיך געענדיקט ערשט דאַן, ווען איינער פון די שפּילער איז געווען פולשטענדיק אויסגעליידיקט. פאַרגלייכנדיק מיט פּאָקער, קאָן מען זאָגן, אַז אויך אונזער סאָציאַלער סיסטעם איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ קאָלאָסאַלע שפּיל „מיט אויספּרירונג״, דערביי געווינען אין דאָזיקן שפּיל: די קעלט, קראַנקהייט און טויט און ס׳פאַרשפּילן — נישט עמעץ אַנדערש, ווי דאָס ארבעטנדיקע פאָלק פון דער גאַנצער וועלט.

טראַכט אייך גוט אַריין אין דער דערקלערונג, וואָס ס׳האָט אין דאָזיקן יאָר פאַרעפנטלעכט די קאָמיסיע אויסצופאָרשן די אומגליקלעכע צופאַלן אין דער אינדוסטריע:

„אין יאָר 1925 זענען אין פאַרשידענע אינדוסטריע-צווייגן לערך אַ מיליאָן אַרבעטער געפאַלן אַ קרבן פון אומגליקלעכע צופאַלן".

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אַן אַרבעטער פאַרברענגט אין דער אַרבעט דורכשניטלעך פערציק יאָר, ווי איר, למשל, דזשעד, האָט אָפּגעאַרבעט — פּרוווט-זשע פעסטצושטעלן, ווי גרויס זענען די שאַנסן פונם אַרבעטער צו ענדיקן דאָס אַרבעטס-לעבן אָן אַן אומגליקלעכן צופאַל? אָננעמענדיק די צאָל צוו-בעטנדיקע אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף צוויי און פערציק מיליאָן, וועלן מיר באַקומען, אַז דערדאָזיקער שאַנס גלייכט זיך פינף פּראָצענט. און אויב מ'וועט נאָך דערצו נעמען אין אַכט, אַז אין 1926 יאָר איז די צאָל אומגליקלעכע פאַלן געשטיגן אויף 30 פּראָצ., וועט ווערן קלאָר, אַז די שאַנסן פונם אַרבעטער צו שטאַרבן מיטן נאַטירלעכן טויט פאַרקלענערן זיך פון יאָר צו יאָר.

איר, דזשעד, זענט אָפּגעקומען מיט אַ גרייזשל, אָבער שטעלט אייך פאָר, אַז איר וואָלט געווען אין דער צאָל פון די 21,232 אַרבעטער, וועמען ס'איז באַשערט געווען אומצוקומען, אָדער צווישן די יעניקע 105.629 אין פאַרגאַנגענעם יאָר, וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן די אַרבעטספעיקייט. אָדער נעמט אָן, אַז ביי אייך וואָלטן געווען נישט קיין צוויי קינדער, נאָר אַכט. אָדער אַז אייער פרוי, וואָס איז געשטאָרבן צוליב אַן אומגליק-לעכן צופאַל, וואָלט נאָר געווען פאַרוווּנדעט און געבליבן אויפן גאַנצן לעבן אויף אייערע הענט. ווי מיינט איר: צי וואָלט איר און אייערע נאָכקומער געהאַט דאָסדאָזיקע שיינע הייזל, וועלכעס איר באַזיצט איצט?

אָט האָט איר, מיין טייערער פריינט, עטלעכע ציפערן, גענומען פון די טאַבעלן וועגן לעבנספאַרזיכערונג, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רייכסטער באַנק פון אונזער רעפּובליק — דורך דער ניו-יאָרקער נאַציאָנאַלער סיטי-באַנק. דאָ טוען די מענטשן כּל התפּעלות, כּדי אייך איבערצוצייגן צו פאַרזיכערן אייער לעבן, אַז אייערע געלטער זאָלן זיך אומקערן אין וואָל-סטריט און געבן אַ מעגלעכקייט די ספּעקולאַנטן צו שפּילן אויף דער בירזע. און פון דידאָזיקע טאַבעלן ווערן מיר

געוואָר פאָלגנדיקס: פון צווישן הונדערט מענטשן פון פינפאונ־צוואָנציקיעריקן עלטער וועט קוים איינער לעבן צו זעכציק יאָר פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, פיר וועלן זיין מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעך, פינף וועלן אַרבעטן פאַר אַ גראָשנדיקן לוין, זעקס און דרייסיק וועלן באַוויזן צו דערדאָזיקער צייט צו שטאַרבן — דערביי „פיל פון זיי צוליב דעם מאַנגל אין יענעם קאָמפאָרט, וועלכן ס׳גיט דאָס געלט” — און די איבריקע פיר און פופציק מענטשן וועלן זיין אָפּהענגיק פון אַנדערע. אַנדערש גערעדט, נאָר פינף מענטשן פון הונדערט וועלן זיך אַרויסווייזן נאָך אַ לאַנגן אַרבעטסלעבן אין באַפרידיקנדיקע באַדינגונגען. אָט האָט איר אַ העל בילד פון דעם, וואָס ס׳האָט באַוויזן צו דערגרייכן די רייכסטע נאַציע אין דער וועלט אין דער הינזיכט פון מענטש־לעכן ווילשטאַנד.

אונזער נאַטור איז אַ זייער פאַרשווענדערישע מוטער — זי באַשאַפט מיליאָנען רויגן, כדי אַרויסצוברענגען איין פיש. דאָסזעלביקע איז געשען אויך מיט די מענטשלעכע לעבנס אין די אַלטע צייטן. די געשיכטע פון דער מענטשהייט — דאָס איז די כראָניק וועגן מבטלדיקע אימפּעריעס, וואָס זענען אויפגעקומען בלויז דערפאַר, כדי ווידער חרוב צו ווערן, וועגן גאַנצע פעל־קער, וואָס זענען אָפּגעווישט געוואָרן פונם פנים פון דער ערד דורך עפּידעמיעס, הונגער און בלוטיקע מלחמות.

אָבער אין דער איצטיקער צייט הויבט דאָס ליכט פון פאַרשטאַנד אָן צו באַשיינען די מענטשן. פיל פון אונז האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מענטשלעכע ענערגיע וואָלט געקאָנט גע־ריכטעט ווערן אויף אַ שכלדיקן אופן אין און דער געהעריקער צייט און דאַן וואָלטן די מענטשן, כ׳לעבן, אויפגעהערט צו פאַרלירן אומזיסט צייט, גראָבנדיק גריבלעך אין זאַמד בלויז צוליב דעם, כדי זיי ווידער צו פאַרשיטן.

נעמט, למשל, די מלחמה. די פרויען געבוירן קינדער אין מוראדיקע ווייען, דערציען זיי, זענען זיי מקריב די גאַנצע ליבע, אויף וועלכער זיי זענען נאָר פעיק, און דערנאָך, ווען דידאָזיקע קינדער דערגרייכן דעם אויפבלי פון כוחות און גע־זונט, שיקן זיי זיי אַוועק צו דער שחיטה, צום טויט פון אַ קויל אָדער גראַנאַט. און די אַנדערע מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט

אויספירן פיל אזעלכעס, וואָס זאָל גורם זיין צום מענטשלעכן גליק — מאָטאָרן, ביכער, מוזיק-אינסטרומענטן, ראַדיאָ א. ד. ג. — דידאָזיקע מענטשן זענען פאַרנומען מיט דער אויסאַרבעטונג פון אויפרייס-מאַטעריאַלן און אַלערליי מעגלעכע גאַזן, כדי צו פאַרניכטן גאַנצע שטעט און אַוועקש יקן די באַפעלקערונג טויזנ-טערווייז. אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה האָבן מיר אומגעבראַכט דרייסיק מיליאָן מענטשן און פאַרניכטעט גוטס אויף דרייצנהונדערט מיליאַרד דאָלער, ד. ה. דעם אַרבעטס-פּראָדוקט פון אַ גאַנץ דור.

מ'האָט אונז צוגעזאָגט, אַז דידאָזיקע מלחמה וועט זיין די לעצטע, און דאָך אַוואָסערע זענען אונזערע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט? אין יאָר 1912 האָט די רעגירונג פון די פאַריי-ניקטע שטאַטן אויסגעגעבן אויף מלחמה-באַדערפעניש ן לערך פיר מיליאַרד דאָלער און אין אונזער בודזשעט אויפן יאָר 1926 איז דידאָזיקע רובריק פון הוצאות געשטיגן אויף דריי מאָל אַזויפיל.

אין יאָר 1920 האָט די סטאַנדאַרט-ביוראָ דורכגעפירט אַן אַנאַליז פון אונזער בודזשעט און געקומען צום אויספיר, אַז די מלחמה-הוצאות וועלן אויסמאַכן אין דער נאָענטסטער צוקונפט 93 פּראָצ. פון גאַנצן בודזשעט. טוט נאָר אַ טראַכט, דזשעד: די רעגירונג פון אַ גרויסער רעפּובליק גיט אויס איין דאָלער פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לעבן און אייגנטום און דרייצן דאָלער, כדי זיי צו פאַרניכטן.

נאַטירלעך וועלן אונזערע קריגערישע מענער אייך פאַר-פאַרזיכערן, אַז דער צוועק פון דידאָזיקע דרייצן דאָלער איז צו שטערן אנדערע פעלקער צו פאַרניכטן אונז. אָבער יעדן דאַרף דאָך זיין קלאָר, אַז אויסגעגעבנדיק אַזויפיל געלט אויף באַ-וואָפענונג, צווינגען מיר דערמיט גופא אויך אַנדערע פעלקער זיך צו באַוואָפענען; אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר מיטן זעלביקן דערפאָלג געקאָנט זיך אַליין פאַרניכטן, און די זאַך איז גע-ענדיקט.

אָדער טוט נאָר אַ טראַכט וועגן דער קינדער-אַרבעט. מיר נעמען אַוועק פון דער שול אַ מיליאָן קינדער און וואַרפן זיי אין די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און גרובנס; דערמיט גופא באַ-שטימען מיר דעם גייסטיקן, ווי דעם פיזישן וווּקס פון די

קינדער. אויף וויפיל אַ גאַנצער מיליאָן פון זיי וואַקסט-אויף קאַליקעס, דעפעקטיווע, פאַרברעכער א. ד. ג., א. ד. ג., קומט אויס, אַז מיר צאָלן צען און אפילו הונדערט מאָל טייערער פאַר דעם, וואָס ס'האָט אונז געגעבן די אַרבעט פון דידאָזיקע קינדער!

נעמט, למשל, דאָס פאַרברעכערטום, וואָס איז א פועל-יוצא פון דער עקזיסטענץ פון שרעקלעכער אָרימקייט אין איין ריי מיטן גרויסן עשירות. די צאָל פון פאַרברעכער און פון די, אויף וועמעס פליכט ס'ליגט דער קאַמף מיט זיי, נעמט אָפּ בא דער פּראָדוצירנדיקער אַרבעט זיבן הונדערט טויזנט אַרבעטער, אַנדערש געזאָגט, דאָס מאַכט אויס איינס פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרן פון פאַרשווענדערישקייט.

פּונקט אַזוי איז אויך די פּראָסטיטוציע א רעזולטאַט פון עקסטער דחקות און בעטלערישן לוין פון דער פרויען-אַרבעט אין דער אינדוסטריע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן לעבן העכער פיר מיליאָן פרויען, וואָס דערשלאָגן זיך א שטיקל ברויט דורך פאַרשפרייטן כלערליי מינים אויסגעלאַסנקייט און קראַנקהייטן, און די אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פון אַלגעמיינער היגיענע באַ-שטימט די ציפער, וועלכע ס'קאָסטן אונז דידאָזיקע פרויען, אויף 628 מיליאָן דאָלער אַ יאָר.

נעמט אַזאַ מין אומזין און פאַרשווענדערישקייט, ווי די רעקלאַמע, אויף וועלכער די זוכער פון גרויסע ריווחים פאַרלירן איינס מיט א פערטל מיליאַרד דאָלער א יאָר, באַנוצנדיק זיך מיט דער אַרבעט פון 600.000 מענטשן בלויז דערויף, כדי אונז איינצורעדן נישט צו קויפן די גוטע סחורות פון דזשאָנסן און אָנשטאָט דעם צו קויפן די לגמרי נישט טויגבאַרע סחורות פון סמיטן. דאָס איז אַ מין בירגער-קריג אין דער אינדוסטריע גופא, און איינס פון די כלי-זיינס פון דערדאָזיקער מלחמה זענען די מאָדעס, ד. ה. דאָס אומזיניקע צוטראַכטן פאַרשידענע שנויים אין די סטראָיען צו עטלעכע מאָל במשך פון יאָר, כדי זיך צו שעמען צו טראָגן אין קומענדיקן יאָר דאָס, מיט וועלכן מיר האָבן געשטאָלצירט אין פאַריקן יאָר.

באַטראַכט נאָר אויפמערקזאַם די פאַרלוסטן פון דעם שלעכטן מצב אין אונזער אינדוסטריע. די אַזויגערופענע הוווער-

קאָמיסיע, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון די אַמעריקאַנישע אינזשעניר־געזעלשאַפטן, האָט זיך פאַרנומען מיט דער בפרטות־דיקער אויספאָרשונג פון דעמדאָזיקן ענין, און ס'איז אינטערע־סאַנט, אַז דידאָזיקע קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פון ארבעטס־געבער־פאָרשטייער, שרייבט צו 50 פּראָצ. שולד דער אדמיני־סטראַציע און בלויז 25 פּראָצ. די ארבעטער. די סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס זענען בוגע די פאַרלוסטן אין עטלעכע גרויסע אינדוסטריע־צווייגן, דריקן זיך אויס אין פאָלגנדיקע ציפערן:

מעטאַלורגישע אינדוסטריע		—	28	פּראָצ.
שיך	—	— —	40	„
טעקסטיל	—	— —	49	„
דרוק	—	— —	37	„
באָדל	—	— —	63	„
בוי	—	— —	53	„

טוט אַ קוק, דזשעז, אויף דעם לעצטן ציפער און באַמיט זיך גוט תופס צו זיין זיין זין:

פערציק יאָר האָט איר אָפּגעאַרבעט אַלס טשעשלער אויף דעם אויפבוי פון הייזער, איין און צוואָנציק יאָר פון זיי זענען געגאַנגען לאיבוד בלויז צוליב דעם, וואָס די מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אייער ארבעט, האָבן געטראַכט וועגן רייך ווערן, אָנשטאָט דעם, זיי זאָלן טראַכטן וועגן בעסערער בוי־קונסט.

צו אָט אַזאַ מין אינדוסטריעלער פאַרשווענדערישקייט גע־הערט אויך דער פאַקט, וואָס אין אונזער לאַנד זענען פאַראַן מיליאָנען מענטשן, וואָס ווילן אַרבעטן, וואָס זענען פעיק צו אַרבעט, נאָר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו געפינען אַרבעט. אין דאָזיקן פאַקט זע איך דאָס גרונט־שלעכטס, די לכתחילה־דיקע סיבה פון אַנדערע מעשים־רעים, און איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ וועזנטלעכער טייל פון אונזער מאָדערנעם ספּע־קולאַציע־סיסטעם, און ווען נישט דאָסדאָזיקע שלעכטס, וואָלט דער סיסטעם גופא אויך געליטן אַ קראַך.

לאָמיר קודם־כל אַ קוק טון, סאַראַ פאַרנעם ס'דערגרייכט

דאָסדאָזיקע שלעכטס. איך שטרייך נאָכאמאָל אונטער, דזשעד, אז אלע ציפערן, וועלכע כ'האָב אייך געברענגט אלס באווייז פון מיינע ווערטער, זענען גענומען געוואָרן דורך מיר נישט פון דער סטאַטיסטיק פון סאָציאַליסטן. אין יעדן באַזונדערן פאַל באַרוף איך זיך אויף די סאַמע „רעספּעקטאַבלע" אויטאָריטעטן, אויף די, וועלכע טיילן אַמווייניקסטן מיין שטאַנדפּונקט.

וואָס שייך דער פראַגע וועגן אַרבעטסלאָזיקייט, טאָ שטיץ איך זיך אויף דער אַרבעט, וואָס איז צונויפגעשטעלט און אָפּגעדרוקט געוואָרן געלט פון איינעם פון די רייכסטע אגראַר-ווּכערניקעס, וואָס האָט נאָר ווען ס'איז געלעבט אין ניו-יאָרק. און אין דאָזיקן בוך ווערן אונטערגעפירט פאָלגנדיקע סך-הכלען פון אַרבעטסלאָזיקייט:

„אין דורכשניט דריקט זיך אויס די צאָל פון די אַרבעטסלאָזע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דאָס יאָר איז געווען אַ גוטס אָדער שלעכטס, אין דער ציפער 10—12% פון דער צאָל פון אַלע אַרבעטער, און דידאָזיקע קרובדיקע צאָל איז נאָך אפשר קלענער ווי דיווירקלעכע".

די סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס זענען גענומען פון דאָזיקן בוך, באַצייכענען די צאָל פון די אַרבעטנדיקע אויף 42 מיליאָן און אויף אַזאַ אופן איז 12 פּראָצ. — פינף מיליאָן אַרבעטסלאָזע.

בעת מיר רעדן וועגן פינף מיליאָן אַרבעטסלאָזע, זאָגט דאָס אונז פּאַקטיש גאָרנישט, מחמת דער מוח איז נישט אימשטאַנד תופס צו זיין די גאַנצע טראַגעדיע פון דידאָזיקע ווערטער. לאָמיר בעסער זאָגן — איין אַרבעטסלאָזער, און מירן אַ קוק טון, וואָס דאָס באַטייט.

גראָד היינט, קורץ איידער כ'האָב זיך געזעצט צו דער אַרבעט, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון איינעם אַזאַ אַרבעטסלאָזן. ער וווינט פּונקט קילאָמעטער ווייט פון אונז, אין דער גרויסער און רייכער שטאָט לאָס-אַנדזשעלעס. ער איז אַ העלד פון דער לעצטער מלחמה און בעת מ'זאָל אים געבן אַרבעט, מחמת די פרוי און קינדער שטאַרבן ממש פון הונגער. בשעתו האָט ער באַוויזן גבורות אויף דער ערנע פון די קריגס-אָפּעראַציעס און איז באַשאָנקען געוואָרן מיטן אָרדן פון ערן-לעגיאָן, און

מ'האָט וועגן אים פיל געשריבן אין די צייטונגען. און איצט זוכט ער שוין צעלעכע חדשים אַרום אַרבעט, און אָט וואָס ס'שטייט אין זיין בריוו:

„מיין יינגערע טאָכטער לואיזע אָטעמט קוים פון אייביקן נישט דערעסן. ווירדזשיניע, מיין עלטערע טאָכטער — איז אַ קאַליקע און הוסט גאַנצע נעכט דורכאַנאַנד. מיר לעבן איצט די לעצטע טעג. מיר זעמיר אַזוי אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט, גלייך מיר וואָלטן געלעבט אין האַרץ פון סאַהאַרע. נעכטן האָב איך דערהאַלטן די ערשטע אַרבעטס-אָפּערטע — דאָס ערשטע מאָל פאַר אַזויפיל וואָכן. אָבער כדי זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט, זענען נויטיק פאַרשידענע אינסטרומענטן, ווייניקסטנס פאַר 22 דאָלער. איך בין אַ ספּעציאַליסט פון טראַקטאָר-טראַנסמיסיעס נאָר די מעשה איז, וואָס אַריינטרעטנדיק בשעתו אין סטענדפאָרטער אוניווערסיטעט, האָב איך אַוועקגעוואָרפן די מעכאַניק און פאַרקויפט אַלע מיינע אינסטרומענטן. „כ'האָב אַוועקגעטראָגן אַלע מיינע קרייצן און מעדאַלן צו מיין געשוווירענעם וווכערניק, אָבער כ'האָב צומאָל פאַר זיי נישט אַרויסבאַקומען אויף קיין בילעט קיין פּאַסאַדענע".

אָט זעט איר, דזשעד, דערדאָזיקער מענטש, וועגן וועלכן איך שרייב, איז אויך איינער פון די קרבנות פון דער גרויסער שפּיל „מיט אויספּרירונג". און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין שוואַכקייט, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז ער האָט פאַרשפּילט אין דערדאָזיקער שפּיל? דער ענטפער איז זייער אַ פּשוטער.

ער האָט געגלויבט אין דער פּראָפּאַגאַנדע ־ין אונזערע קריגס-ספּעקולאַנטן, ער איז אַוועק קיין פראַנקרייך, דאָרט ריזיקירט מיטן לעבן, פאַרלוירן זיין געזונט און צע־ראָ־ן זיין קאַריערע. און אין דערזעלביקער צייט זענען 23.000 פּיפּיקע דזשענטלמענער-געשעפטסלייט זיך גאַנץ רויק פאַרבליבן אינדערהיים און פאַרדינט שווערע מיליאָנען.

אַזאַ איז דער פּרייז פון רום, דזשעד!

צוועלפטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

איך האָב געזאָגט און חזר נאָכאַמאָל איבער, אַז די ארבעטסלאָזיקייט — דאָס איז אַ קרענק, וואָס דערקלערט זיך מיט אונזער סיסטעם פון גיריקע פּראָפיטן, און באַם דאָזיקן סיסטעם איז זי אַן אומהיילבארע קרענק. איך וועל זיך באַמיען אייך דאָס צו דערקלערן. איך רעכן, אַז די פאקטן, וואָס איך וועל אייך ברענגען, זענען די אממייסטן וויכטיקע פון צווישן די יעניקע, וועלכע דער ארבעטער דארף פארשטיין.

דידאָזיקע אלע פאקטן זענען אומגעווײנלעך פּשוט, אפילו אַ קינד קאָן זיי פארשטיין. און דאָך וועט איר וועגן זיי קיינ־מאָל נישט הערן אין די צייטונגען; מ׳רעדט וועגן זיי אויך נישט אין שול. דאָס דערקלערט זיך אויסערגעווײנלעך פּשוט: וועלכער ס׳איז רעדאקטאָר, וואָס וואָלט זיך דערלויבט צו שרייבן וועגן דעם, וועלכער ס׳איז לערער, וואָס וועט רעדן וועגן דעם אין שול, וועט תּיכּף פארלירן זיין פּאָסטן.

איך וויל דידאָזיקע אלע פאקטן ארויסברענגען אייך אין דער פאָרם פון קורצע פראזן, כּדי איר זאָלט זיי קאָנען פאר־שרייבן און אויסלערנען אויף אויסנווייניק אין דער צייט, ווען איר זעגט ברעטער אָדער פארמישט צעמענט.

און אָט ערשטנס:

דער באַלעבאָס, אויף וועלכן איר אַרבעט, פאַרנעמט זיך מיט געשעפטן נישט צוליב דער פארבעסערונג פון אייער געזונט. פרעגט אים וועגן דעם!

און ס׳איז זייער לייכט זיך איבערצוצייגן דערין, אַז:

אייער באלעבאָס וועט נישט אויס־פּירטיקן מער פון יענעם סכום פּראָדוקטן, וואָס ער קאָן פארקויפן מיט ריווח.

און דערפון דרינגט, אז כל-זמן דער באלעבאָס באקומט ריווחים, האָט דער ארבעטער זיין גראָשנדיקן ארבעטסלוין. קוים הערט נאָר דער באלעבאָס אויף צו באקומען ריווחים, קומט דעם ארבעטער אויס צו שטארבן פון הונגער.

דערמיט וועט מסכים זיין וועלכער ס'איז אמעריקאנער געשעפטסמאן. אפילו נאָכמער — דאָס זענען טאקע יענע פרינציפן, וועלכע מ'האָט ארייגעקלאפט אין אונזערע קעפ, כל-זמן ס'איז אָנגעגאנגען די קאמפאניע פאר אויסוויילן קולידזשן, און אדאנק דעם האָט ער באקומען א מערהייט פון זיבן מיליאָן שטימען.

איצט לאָמיר אָננעמען, אָננעמען נאָר אויף ווײלע, אז קולידזשס רעגירונג האָט באשלאָסן צו דערלויבן די רייכע אויפצוהויבן די פרייזן אויף אלע פראָדוקטן, וויפיל זיי געפעלט נאָר, צעברעכן די שטרייקן און דערפירן צו א מינימום דעם ארבעטסלוין פון אָרימאן. וואָס וואָלט דעמאָלט געשען?

נאטירלעך וואָלט דער אָרימאן נישט געהאט גענוג געלט, כדי צו קויפן די אויסארבעטונגען פון דער אינדוסטריע און וואָלט נישט געקאָנט געבן די געוווּנטשענע ריווחים די קאפיטאליסטן, דאָס גאנצע געלט וואָלט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון די רייכע, און דאָס גאנצע גוטס וואָלט אויך געווען צוטריטלעך בלויז פאר זיי, און די אָרימעלייט וואָלטן באקומען וואָס-אמאָל ווייניקער און ווייניקער, באמערקט, דזשעד: לויט די סטאטיסטישע דאטן פון פינאנץ-מיניסטעריום האָט מען אין יאָר 1919 אויסגעגעבן אין די פאראייניקטע שטאטן אויף לוקסוס-זאכן 22 מיליארד דאָלער, און דאָס אינדערצייט, ווען מיליאָנען ארבעטסלאָזע האָבן נישט געהאט צומאָל קיין שטיקל ברויט!

אָבער וואָס מער ס'גיסט זיך פון דער מאשין א מבול פון פראָדוקטן, אלץ מער ווערן די גבירים מיט זיי איבערגעזעטיקט און קאָנסומירן זיי מיט גרויס שוועריקייט. זיי הויבן ווידער אָן צו ווארפן דאָס געלט אין אומלויף, ד. ה. זיי פערטיקן אויס גרויסע מאשינען, וואָס ארבעטן אויס נאָך מער פראָדוקטן, כדי זיי צו פערקויפן און באקומען נאָך מער ריווחים.

אָבער דעמאָלט שטעלט זיך ארויס, אז אויפן מארק איז אַזוי אויך פאַראַן מער סחורות, ווי מ'קאָן פאַרקויפן, און דער באַלעבאָס באַקומט שוין נישט אַזויפיל ריווחים, ווי ס'פאָדערט דער דורך זיי אָנגעזאַמלטער גרויסער קאַפּיטאַל. און דאַן אַנטשטייט די אַזויגערופענע איבערפּראָדוקציע, די פאַבריקן פאַרמאַכן זיך און ס'הויבט זיך אָן דאָס, וואָס ווערט ביי אונז אָנגערופן „שווערע צייטן".

און איר ווייסט, וואָס ס'איז אַ ווינג שווערע צייטן?

פאַרגעדענקט גוט:

שווערע צייטן — הייסט דאַן, ווען דער פערמער, וואָס אַרענדירט די ערד באַם גוטס-באַזיצער, הונגערט צוליב דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט צופיל תבואה!

און ווידעראַמאָל:

שווערע צייטן — הייסט דאַן, ווען די וועבער גייען אין טראַנטעס צוליב יענער סיבה, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט צופיל שטאָפן!

און ווידעראַמאָל:

שווערע צייטן — הייסט דאַן, ווען די טשעשלער האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ צוליב יענער סיבה, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט צופיל הייזער!

און לסוף:

שווערע צייטן — רופט מען דאַן, ווען די אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם אויפבוי פון אַ גאַנצער וועלט פאַר זייערע באַלעבאַטים, הייסט מען זיך אָפּטראָגן אויף עפּעס אַן אַנדערן פּלאַנעט!

איר זאָגט, דזשעד, אַז אַזאַ אַבסורד קאָן זיך קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכן. און איך וועל אייך ענטפערן דערויף, אַז אַזעלכע זאַכן קומען טאָר אויך אין איצטיקן מאָמענט מיט עטלעכע מיליאָן אַמע-

ד י ק אַ נ ע ר, ו ו אָ ס ז ו כ ן אַ ר ב ע ט א ו ן ג ע פ י נ ע ן ז י נ י ש ט.

דידאָזיקע פעריאָדן פון אומזין, וואָס ווערן אָנגערופן „שווערע צייטן", קומען בײַ אונז רעגלמעסיק פאָר; גלייך ווי גרויסע כוואַליעס, חזרן זיי זיך איבער יעדע זיבן-צען יאָר, און זיי זענען פונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי דער צופלוס און אָפּפלוס.

די געלערנטע עקאָנאָמיסטן ברעכן זיך די קעפּ איבער דער געשיכטע פון דידאָזיקע זיך איבערחזורנדיקע פעריאָדן פון צעשטערונג און דחקות און צייכענען פלערליי קאַרטן און דיאַגראַמעס. אָבער אויב איר וועט וואַגן אָפּן אָנצוורופן די סיבה פון דאָזיקן שלעכטס, טאָ וועט איר זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרשטויסענעם פאַר דער גאַנצער געשעפטס-וועלט. און דער-פאַר ווער, באַטירלעך, קיינער וועגן דעם אַ פּיפּס נישט טון, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע פאַרשטויסענע, ווי איך אַ שטייגער.

די פּראָפעסאָרן פון עקאָנאָמיק זענען מודה, אַז די גאַנצע צרה דערקלערט זיך מיט דער איבערפּראָדוקציע, און מיר דאַרפן זיך געווי קלאָר מאַכן דעם זין פון דידאָזיקע ווערטער. דאָס באַטייט נישט, אַז מיר האָבן אויסגעאַרבעט מער, ווי ס׳איז אונז נויטיק. פאַרקערט, בײַ אונז עקזיסטירן מיליאָנען מענטשן אויף אַן אַרבעטסלוין, וואָס גיט זיי נישט די מעגלעכקייט צו לעבן מענטשלעך. דער דורכשניטלעכער אַרבעטסלוין פון דעם אַרבעטער אין אַמעריקע — איז 1200 דאָלער אַ יאָר, אינדער-צייט, ווען ס׳פאָדערט זיך ווייניקסטנס 2000 דאָלער, כדי אויס-צוהאַלטן אַ פאַמיליע און געבן איר דאָס סאַמע נויטיקע.

אָבער קיינער רעכנט זיך נישט דערמיט, וויפיל ס׳איז עמעצן נויטיק. וויכטיק איז נאָר דאָס, וויפיל ער קאָן זיך דערלויבן צו קויפן. און איך וויל אייך אַרויסברענגען נאָך איין לאָזונג, און ווען איר וועט זיך טרעפן מיט אַ פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיק, פרעגט אים, צי ס׳איז אַזוי:

א ו י ב א י ר ק אָ נ ט ב אַ צ אָ ל ן ד ע ם פ ר י י ז, ו ו אָ ס מ׳ פ אָ ד ע ר ט ב אַ א י י ך, ט אָ ז ע נ ט א י ר׳ אַ ב כ ב ו ד י ק ע ר ק ו נ ה. א ו י ב א י ר ז ע נ ט נ י ש ט

אימשטאַנד צו צאָלן אַזאַ פּרייז, זענט איר אַ שלעפּער.

ובכן, אויב מיר, אַמעריקאַנער קאָנסומענטן, קאָנען נישט קויפן אַפילו קיין זאַכן פון אייגענער אויסאַרבעטונג, טאָ זענען די אייגנטימער פון דידאָזיקע פּראָדוקטן, ד. ה. די קאַפּיטאַליסטן, געצווּנגען צו זוכן קונים ערגעצוו אין אַ צווייט אָרט. און דאָ טאַקע הויבט זיך אָן דאָס געיעג נאָך אויסלענדישע מערק. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך האָב לגמרי גאָרנישט קעגן דעם, צו קויפן אין אויסלאַנד די יעניקע זאַכן, וועלכע מיר קאָנען נישט אויסאַרבעטן ביי אונז. אויסבייטן אויטאָמאָבילן און פילמען אויף באַנאַנען און קאַווע — דאָס איז אַ פולשטענדיק נאָרמאַלער געשעפטס-אופן. איך רעד וועגן דעם, וואָס מיר געפינען נישט קיין אָפּזאַץ באַ זיך פאַרן גרויסן סכום פּראָדוקטן און זענען דערפאַר געצווּנגען זיי צו פאַרקויפן אין אויסלאַנד, מחמת אין קעגנפאַל וועלן אונזערע אַרבעטער זיין אויסגעשטעלט אויף אַ הונגער-טויט. מיר נעמען נישט אָן קיין פּראָדוקטן אָנשטאָט פּראָדוקטן, אָ, ניין! דאָס וואָלט געווען צום שאָדן פון אונזער אייגענער אינדוסטריע. און דערפאַר פאַרטיידיקן מיר זיי מיט אַ וואַנט פון הויכע טאַריפן. מיר נעמען נאָר אָן אַלס אויסטויש פאַר פּראָדוקטן פאַרשידענע התחייבותן אָפּצוצאָלן ווען עס איז. מיר זעצן פאָר אָן אַ סוף צו פאַרקויפן מער, ווי מיר קויפן. און די געפאַנצערטע קעסטלעך פון אונזערע בענק זענען פול אָנגעפּראָפּט מיט פּאַפּירענע התחייבותן, און דאָס הייסט „גינסטיקער באַלאַנס אין האַנדל".

אָבער אַלע הויכאַנטוויקלטע לענדער — ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן — געפינען זיך אין דעמזעלביקן טעמפּן ווינקל וואָס מיר. באַ זיי איז אויך פאַראַן מער פּראָדוקטן, ווי ס'וואָלטן זיי געקאָנט קויפן די האַלבהונגעריקע אַרבעטער. דידאָזיקע מלוכות זוכן אויך אויסלענדישע מערק, כדי צו ראַטעווען זייער געשעפטס-סיסטעם פון אַ קראַך.

יעדער זעט דאָס אייניציקע רעטונגס-מיטל דערין, צו פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן די איבעריקע נאַציעס, וואָס קאָנען אַליין

נישט באַפֿרידיקן זייערע פֿאָדערונגען. און אַזוינאָך שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ זייער אַמיזאַנטער דערשיינונג:

די עקזיסטענץ פֿון דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע איז אָפּהענגיק פֿונם פֿאַרקויפֿן פֿאַפּירענע בלוזעס צו די כינעזער, וועלכע זענען אַזוי אָרים, אַז זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן צו קויפֿן מער ווי איין בלוזע אויפֿאַמאָל.

און איצט לאָמיר זען ווייטער.

באַמיענדיק זיך צו ראַטעווען אונזער אייגענעם געשעפֿטס-סיסטעם, באַדראָען מיר דעם געשעפֿטס-סיסטעם פֿון עפּעס אַן אַנדער לאַנד, לאָמיר זאָגן — פֿון יאַפּאַן. די געשעפֿטסלייט פֿון יאַפּאַן איז דאָס, נאַטירלעך, נישט צום האַרץ. און אַזוינאָך אַנטשטייט אַ האַנדלס-קאָנקורענץ, וואָס גיסט זיך דערנאָך פֿונאַנדער אין אַ מלחמה. די סיבה פֿון אַ מאָדערנער מלחמה קאָן מען באַצייכענען מיט איין פֿראַזע, און כ'בעט אייך צו באַמערקן, דזשעד, אַז דאָס איז ווייט נישט קיין שפּאַס, נאָר דער סאַמע רויער פֿון אַלע רויע אמת׳ן.

אויב מיר וועלן נישט מלחמה האַלטן מיט אַנדערע פֿעלקער, טאָ וועלן דידאָזיקע אונדז צונעמען די מעגלעכקייט צו פֿאַרקויפֿן די כינעזער פֿאַפּירענע בלוזעס, וואָס אונזערע אַרבעטער האָבן אויסגעאַרבעט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי וועט אויסקומען צו גיין אין טראַנטעס.

כ'וואָלט געקאָנט ביז צו דער אומענדלעכקייט פֿאָרזעצן צו שיטן מיט אַזעלכע אַמיזאַנטע פֿראַזן מכּוח דעמדאָזיקן אַמיזאַנטן סיסטעם. כ'וואָלט אייך געקאָנט דערציילן אַן אויסערגעוויינלעך „פֿריילעכע" געשיכטע וועגן דעם, ווי ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן מלחמה צו האַלטן, כּדי אָפּצונעמען איינער באַם צווייטן די מעגלעכקייט צו האַנדלען מיט די כינעזער, מיט די הינדוסן, פּערסן, אַראַבער אָדער טערקן און זיי פֿאַרקויפֿן זייערע בלוזעס. בעת די קעגנער האָבן פֿאַרניכטעט 30 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס און כלערליי גוטס אויף 300 מיל-

יאַרד דאָלער, האָט זיך אויסגעדרוקטן, אַז זיי וואָלטן דערמיט גופא געדאַרפט אויסהיילן די וווּנד פון דער איבערפּראָדוקציע כאָטש אויף אַ צייט. אָבער זיי זענען באַגאַנגען אַ געוויסן טעות אין די חשבונות, און די שחיטה האָט זיך פאַרשלעפּט אַביסל צו לאַנג, און דערפאַר איז זיי אויסגעקומען צו באָרגן צופיל געלט בײַ אונז, און איצט טראָגן די רעגירונגען פון די-דאָזיקע לענדער אויף זיך דעם עול פון אומגלויבלעכע שטייערן, און אַזוי גוט אין דייטשלאַנד ווי אין ענגלאַנד הערשט אַ כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט, און פראַנקרייך געפינט זיך אויפן ראַנד פון פולשטענדיקן חורבן. דערפאַר האָבן מיר אַ גינסטיקן „האַנדלס-באַלאַנס”, נאָך וועלכן עס שטרעבן אַזוי ליידנשאַפטלעך די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון בליענדיקן צושטאַנד. און ווירקלעך האָבן מיר באַקומען אַזאַ שפע פון דעמזעלביקן גינסטיקן באַלאַנס, אַז אין רעזולטאַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט מער ווי ווינט. די אייראָפּעישע לענדער זענען אונז שולדיק אין דער אָדער אַנדערער פאָרם לערך 19 מיליאַרד דאָלער, און זיי זענען אַפילו נישט אימשטאַנד צו צאָלן די פּראָצענטער פון די-דאָזיקע הלוואות. זיי האָבן אַפילו נישט געמאַכט דעם אָנ-שטעל, ווי זיי זאָלן וועלן צאָלן — כל-זמן ס'איז נישט אויס-געקומען אויפסניי צו באָרגן.

צוערשט האָט זיך באַוויזן איטאַליע, זיך נידעריק פאַר-נויגט און, אַריינשמייכלענדיק אין די וואָנסן, האָט זי מסכּים געווען אָפּצוצאָלן עטלעכע מיליאַרד דאָלער אין משך פון 65 יאָר — בתּנאַי, אַז מיר זאָלן איר תּיכּף אויסבאָרגן 200 מיליאָן דאָלער.

דייטשלאַנד האָט געטון פּונקט אַזוינאָך, און פראַנקרייך וועט מסתּם אויך טון דאָסזעלבע — קאָן זיין, אַז נאָך פריער, איידער דאָסדאָזיקע בוך וועט דערשיינען. און אונזערע פינאַנ-סיסטן נעמען אָן זייערע פּאַפּירענע התחייבותן צוליב דערדאָזי-קער פּשוטער סיבה, וואָס בײַ זיי האָט זיך שוין אַזוי אויך אָנגעקליבן אַזעלכע פּאַפּירן אויף 19 מיליאַרד דאָלער, און זיי קאָנען זיך צומאָל נישט פאָרשטעלן, וואָס וועט געשען, ווייבאַלד די-דאָזיקע אַלע התחייבותן וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר אַ זייפנבלאָז.

און אזוי זענען מיר פון יאָר צו יאָר מוסיף אונזערע בעלי-חובות צו מיליאַרד צוליב דערדאָזיקער פשוטער סיבה, וואָס מיר מוזן אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד אונזערע פּראָדוקטן — וויבאַלד מיר ווילן נאָר, אַז אונזערע פאַבריקן זאָלן אַרבעטן — און מיר באַקומען גאָרנישט דערפאַר, מחמת פאָדערן צאָלונג וואָלט געהייסן פּונקט אַזוי, ווי פאַרמאַכן אונזערע פאַבריקן.

ווי איר דערמאָנט זיך, האָבן מיר צוגעזאָגט דעם פאָלק אַ בליענדיקן צושטאַנד, אויב ער וועט נאָר שטימען פאַר קו-לידזשן. און דאָס פאָלק האָט געשטימט — דאָסדאָזיקע גוטע, געדולדיקע פאָלק, און איצט דאַרף מען אים בכן פאַרשאַפן דעם בליענדיקן צושטאַנד. און דערצו דאַרף מען אים געבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, כדי צו דערנערן און באַקליידן די פראַנצויזן, דייטשן, איטאַליענער און כינעזער, די איינוווינער פון גוואַטעמאַלע און טאַיטי, מיט איין וואָרט, וועמען עס זאָל ניט זיין, ווער ס'וועט נאָר צושיקן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ שיינעם אויפשריפט, אַז ער איז זיך מתחייב אָפּצוצאָלן במשך פון פינף און זעכציק יאָר.

דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי כּלל נישט נויטיק צו דרוקן דידאָזיקע שיינע פּאַפּירלעך — מיר אַליין פּערטיקן זיי אויס אין וואָל-סטריט פאַר זיי; און זיי שיקן אונז צו אַ „מיסיע" אין צוזאַמענשטעל פון אַ באַשטימטער צאָל ווייסע, געלע אָדער שוואַרצע דזשענטלמענער — נאַטירלעך, אין פראַקן — וועמען ס'בלייבט בלויז איבער אונטערצושרייבן זייער נאָמען אויפן אָנגעוויזענעם אָרט.

אָט, דזשעד, ווי ס'זעט אויס אונזער סיסטעם: דאָס פאָלק הונגערט, לעבט, דורכשלאָגנדיק זיך מיט דער העלפט פון יענעם מינימום, אין וועלכן ס'נויטיקט זיך אַ מענטש, און מיר שיקן אַוועק דעם „עודף" פון די פּראָדוקטן קיין אויסלאַנד, כדי אונ-זערע קאַפּיטאַליסטן זאָלן קאָנען אָנשטאָפּן זייערע געפּאַנצערטע שאַפעס מיט פעקלעך פּאַפּיר, פאַר וועלכע זיי וואַגן צומאָל נישט צו פאָדערן צאָלונג. מיר באַזיצן שוין אַזוי אויך מער ווי אַ העלפט פון גאַנצן גאָלד-זאַפּאַס אין דער וועלט, און כדי צו ראַטעווען וועלכן ס'איז בעל-חוב פון באַנקראָט, קומט אונז

אויס פון צייט צו צייט אַוועקצושיקן אַ טייל פון דאָזיקן גאָלד קיין אויסלאַנד.

צי וואָלט איר נישט געוואָלט, דזשעד, אַז עפּעס אַ גוט־מוטיקער קרעמער זאָל מיט אייך האַנדלען לויטן דאָזיקן אולטראַ־מאָדערנעם מעטאָד? איר וואָלט אים בשום אופן נישט געקאָנט צורעדן צו נעמען מזומנים. ער נעמט נאָר אָן טשעקן, און אויף דידאָזיקע טשעקן פּאָדערט ער צאָלונג ערשט במשך פון 65 יאָר. און אויב איר וועט ווידעראַמאָל ווען עס איז באַדאַרפן געלט, טאָ דראָט נאָר — זע, כ׳וועל זיין באַנקראָט! — און ער וועט אייך תיכּף געבן נאָך געלט און וועט נעמען פון אייך נאָך אַ טשעק.

און אויב איר וועט אַמאָל מאַכן אַ פּרוּוו אָפּצושיקן אים אַ וואַגאָן פון אייערע אייגענע פּראָדוקטן, כּדי צו דעקן כאָטש אַ טייל פון אייער חוב, וועט ער אויפהויבן די הענט צום הימל און וועט זיך צעכליפּען אין אָנפאַל פון שוץ־טאַריפיקן פּחד, אַז ער קאָן צומאָל נישט טראַכטן וועגן דעם, אָנצונעמען פון אייך דידאָזיקע פּראָדוקטן, אַז דאָס וועט חרוב מאַכן די מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך אין זיין אייגן קרעמל מיט דער אויסאַרבעטונג פון דיזעלביקע פּראָדוקטן.

— למען השם! — וועט ער אויסשרייען. — נעמט פון מיר אַוועק דידאָזיקע פאַרלעגענע סחורה! שיקט מיר נאָר צו נאָך איין פאַפּירענע התחייבות, און דאַן וועט איר באַקומען פון מיין געוועלבל אַלץ, וואָס ס׳איז אייך נויטיק.

צום שלוס פון דאָזיקן בריוו, דזשעד, וויל איך אייך געבן נאָך איין לאָזונג, וואָס וואָלט אייך נישט געשטערט אים אויסצולערנען פון אויסנווייניק:

אונזער מאָדערנע „העכערע פינאַנץ־פּאָליטיק" — דאָס איז אַ פּשוטער זייפן־בלאָז. ער אונטערשיידט זיך פון אַנדערע זייפנבלאָזן נאָר דערמיט, וואָס ער איז פּונקט אַזוי גרויס, ווי אונזער ערד.

דרייצענטער בריוו

מ״ין טייערער דזשעד !

דער יסוד פון אונזער אינדוסטריעלן סיסטעם איז דער פריוואטער באזיץ פון ארבעטס-מכשירים, די באוועג-קראפט פון דער אינדוסטריע — די הכנסה פון פריוואטן אייגנטימער.

די קאפיטאליסטן ארבעטן אויס די אלע פראדוקטן, אין וועלכע מיר נויטיקן זיך, און כדי זיי צו באקומען, גיבן מיר אוועק די קאפיטאליסטן אלץ, וואס מיר האבן, איבערלאזנדיק פאר זיך דאס סאמע נויטיקע, כדי ווי נישט איז צו לעבן און אויפהאדעווען א צוקונפטיק דור.

אויב דעמדאזיקן סיסטעם וועט אויסקומען צו ליידן א קראך, וועט ער זעלבסטפארשטענדלעך דארפן אפטרעטן דאס ארט וועלכער ס'איז פארם פון מלוכהשן פארוואלטן מיט די ארבעטס-מכשירים. אנשטאט דעם, אז דער קאפיטאליסט זאל אונז צושטעלן די נויטיקע פראדוקטן, וועלן מיר אליין זיך פארנעמען דערמיט, און די באוועג-קראפט פון אונזער אינדוסטריע וועט שוין דעמאלט באשטיין נישט אין גרייע נאך ריווחים, נאר אין אונזער אייגענעם פארברויך פון די געגעבענע פראדוקטן.

סארא-זשע ענדערונג וועט דאס שאפן אין דעם אינדוסטריע-סיסטעם ? פון ערשטן בליק וועט זיך אונז אויסווייזן, אז ס'וועט נישט זיין קיין שום אונטערשיד. דער ארבעטער וועט ווי פריער גיין אין דער פאבריק און דארט געפינען א מייסטער און א פאבריקס-פארוואלטער, וואס וועט פונקט ווי פריער אכטונג געבן דערויף, אז ער זאל קומען און אוועקגיין צו דער צייט. אין באשטימטן טאג וועט ער באקומען זיין ארבעטסלוין און מיטן דאזיקן געלט וועט ער אוועק אין מאגאזין אייַנצוקויפן דאס, וואס ס'איז אים נויטיק. און די פראדוקטן פון דער

געגעבענער פאַבריק וועלן פונאַנדערגעשיקט ווערן אין ארבע פינות עולם, צו מענטשן, וואָס וועלן דערפאַר אָפּצאָלן מיט וועקסלען אזוי ווייטער. אַנדערש געזעגט, ס'וועט אויפגע-היטן ווערן די פריערדיקע אָרדענונג, און ס'וועט אַפילו אין פלוג שווער זיין צו באַמערקן וועלכע ס'איז ענדערונג.

אָבער דער אונטערשיד וועט זיין אַ זייער באַשיינפערלע-כער אין איין הינזיכט — אין אַרבעטסלוין פונם אַרבעטער. היות ווי ס'וועט מער נישט זיין קיין אָפּוועזנדיקע פאַבריק-אייגנטי-מער, צו וועמען ס'פאַלט בײַ היינטיקן טאָג אַריין די גאַנצע הכנסה, וועלן די ריווחים באַקומען די, וואָס אַרבעטן אין די פאַבריקן גייסטיק אָדער פיזיש, און אין רעזולטאַט וועט שטייגן דער אַרבעטסלוין.

די פאַרקויפטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון וואָל-סטריט האָבן זייער ליב אויסצורעכענען, וויפיל ס'באַקומען די אַרבעטער און וויפיל די קאַפּיטאַליסטן, און דערוויזן, אַז באַזייטיקנדיק דעם קאַפּיטאַליסט, פאַרגרעסערן מיר דערמיט די הכנסה פון אַר-בעטנדיקן בלויז אויף אַ נישטיקן פּראָצענט, מאַקסימום אויף צען פּראָצענט.

אָבער דאָס איז בלויז אַ טריק, דזשעד, מחמת אַ גרויסער טייל הכנסה, וואָס פאַלט אַריין צו די קאַפּיטאַליסטן, דריקט זיך אויס נישט אין אוממיטלבאַרן ריווח פון דער אינדוסטריע גופא, נאָר אין פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען, אין אומדירעקטע, אזוי צו זאָגן, שטייערן אויף דער אינדוסטריע: פּראָצענטער פון התחייבותן, אָרענדע פאַר ערד, דאָס געבן די אייגנטימער כלערליי פּריווילעגיעס און אזוי ווייטער. כ'קאָן אייך ברענגען אַ בולטן ביישפּיל.

די ניו-יאָרקער צענטראַלע אייזנבאַן שניידט דורך אַ נישט גרויסע בריק לעבן אָלבאַנע, און היות ווי דער אייגנ-טימער פון דערדאָזיקער בריק איז אַ פּריוואַטע פּערזאָן, מוז אים די אייזנבאַן צאָלן צו איין סענט פון יעדן פּאַסאַזשיר, וואָס ווערט דורכגעפירט איבערן דאָזיקן וועג, וואָס מאַכט אויס יערלעך אַ גאַנץ פאַרמעגן.

אונזער גאַנצער אינדוסטריע-סיסטעם איז אַ לאַבירינט פון ענלעכע רויבערס. די אייזנבאַן רויבן: די קאָמפּאַניעס, וואָס

באַזיצן די ערד, איבער וועלכער די ליניע גייט דורך, די קאָמ־פּאַניע פון שלאָף־וואַגאָנען און אַזוי ווייטער. די אינדוסטריעלע קאָמפּאַניעס פאַלן אַרונטער דער רויבערײַ מצד די פּריוואַטע אייזנבאַנען, בראש פון וועלכע עס שטייען „אייגענע מענטשן“, אָדער גאָר מצד די קאָמפּאַניעס, וואָס פירן דורך רעמאָנט, וואָס שטעלן צו מאַטעריאַלן א. אַ. וו.

גענוג צו זאָגן, אַז בלויז די בוכפירונג אַליין, וואָס איז פאַרבונדן מיט דידאָזיקע זאַכן, בילדעט שוין אַ גרויסע צווייג, און די מענטשן, וואָס זענען פאַרנומען מיטן דאָזיקן ענין, ציילן אין די טויזנטער. אויב מ׳וואָלט אַוועקגענומען דעמדאָזיקן גאַנצן אורקוואַל פון שלעכטס, וואָלטן מיר דערמיט גופא אַראָפּגענומען אַ גאַנצן באַרג פון די פּלייצעס פון דער אינ־דוסטריע.

אָבער ווען מ׳זאָל אַפילו צולאָזן, אַז דאָס איז באמת אַזוי, ווי עס באַהויפּטן די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון וואָל־סטריט, און די קאַפּיטאַליסטן באַקומען נאָר צען פּראָצענט — טאָ שוין־זשע באַשטייט בלויז דערין אַליין דאָס געווינס פון די אַרבעטער? ניין, דזשעד, בשום אופן נישט. אָט דאָ קום איך צו צום סאַמע וויכטיקן פּונקט, וועלכן כ׳וויל איינקריצן אין אייער באַוווסטזיין מיט דער הילף פון דידאָזיקע בריוו. מעגלעך, אַז דאָס וועט זיך אייך אויסווייזן זייער אומאָנגענעם, אָבער איך בעט אייך, דזשעד, אַז איר זאָלט צולייגן קאָפּ און גוט תופס זיין, מחמת איך נעם מיר די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז די פרייהייט און וווילשטאַנד פונם אַרבעטער אין אונזער צייט הענגען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אָפּ פון זיין באַוווסטזיניקייט, וואָס וועט נישט לאָזן די געדונגענע טינטלערס צו פירן אייך פאַר דער נאָז.

אַוואָסער ס׳זאָל נישט זיין דער פּראָצענט, וואָס פאַלט אויס אויפן חלק פון קאַפּיטאַל — צי דאָס זאָל זיין צען פּראָ־צענט, ווי ס׳באַהויפּט וואָל־סטריט, אָדער דרייסיק־פערציק פּראָ־צענט, ווי איך קאָן דערווייזן — איז דערדאָזיקער פּראָצענט דאָך דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, וואָס רופט אַרויס אַלע היינטיקע באַשעפטיקונגען אין דער אינדוסטריע.

אָט דעם ריווח טאַקע, וועלכן די קאַפּיטאַליסטן שלעפּן

אַרויס פּאַר זיך פון זייערע אונטערנעמונגען און לאָזן ווידער אין אומזאַץ, אַריינלייגנדיק אים אין נייע אַרבעטס-מכשירים, דערדאָזיקער ריווח הייסט טאַקע די איבערפּראָדוקציע, אַלס רע- זולטאַט פון וועלכן ס'אַנטשטייען די אַזוי באַרימטע „שווערע צייטן". דאָס איז טאַקע יענער איבערפלוס, וואָס רופט אַרויס די ספּעקולאַציעס און פּאַניקעס, וואַרפט אַרויס דעם אַרבעטער פון פאַבריק צווישן די רייען פון די אַרבעטסלאָזע און דער- פירט ביז אַ מינימום דעם אַרבעטסלוין פון זייערע חברים.

דערדאָזיקער איבערפלוס צווינגט צו זוכן אויסלענדישע אָפּזאַץ-מערק, און אַלס פּועל-יוצא – שלעפּט ער אַריין די גרויסע אינדוסטריע-מלוכות אין אַ מלחמה. שטעלט אייך פאָר עפּעס אַ וואַקסנדיקן קערפּער, אויף וועלכן ס'איז אָנגעטון אַן אייזערנע רייף, וואָס נעמט אים פעסט אַרום. מתחילת וועט דער קערפּער צומאָל נישט פילן די רייף, אָבער וואָס מער דער קערפּער וועט וואַקסן, וועט די רייף אים אַלץ מער און מער שטיקן, און ס'וועט קומען אַ מינוט, ווען דער איינציקער אופן צו ראַ- טעווען דעם קערפּער פון אַגאָניע וועט זיין – איבערשניידן דידאָזיקע רייף.

און אין געגעבענעם פאַל איבערשניידן די רייף – וואָלט געהייסן: צונעמען באַ די קאַפּיטאַליסטן דעם איבערפלוס פון דער פּראָדוקציע און אים אַוועקגעגעבן דעם אַרבעטער. און דערמיט אַליין וועט איר מיטן וואָרצל אויסרייסן דאָס שלעכטס און ברענגען דערלייכטערונג דעם גאַנצן קלאַס. וויאַזוי דאָס וועט געשען? אָך, זייער פּשוט.

די אַרבעטער וועלן דאַן קאָנען קאָנסומירן אַלע פּראָדוקטן פון דער אינדוסטריע – די אַרבעטער זענען פולשטענדיק אימ- שטאַנד צו קאָנסומירן אַלע פּראָדוקטן, מחמת זיי וועלן האָבן מיטלען דערצו. ווי מיר האָבן פריער געזען, באַקומען די אַר- בעטער נאָר אַ טייל פון דער באַלוינונג, אויף וועלכער זיי האָבן דאָס רעכט, און אַזוינאָך קאָנען זיי דערווערבן נאָר אַ טייל פון די אינדוסטריע-פּראָדוקטן. דאָס גאַנצע איבריקע ווידער – איז אָדער ס'גייט לאיבוד אין די הענט פון די גבירים אָדער ס'גייט אַוועק קיין אויסלאַנד. אָבער גיט דעם אַרבעטער אַ באַ- לוינונג פאַר זיין אַרבעט אין דער פולער מאָס, און זאָל ער

באַזיצן די קויף-קראַפט צו דערווערבן זיין חלק אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, און דער באַדאַרף וועט זיך געפינען אין גלייכגעוויכט מיט דער פּראָדוקציע, און די פאַבריקן וועלן אַרבעטן אַזויפיל שעהן, וויפיל מיר וועלן וועלן, אַרויסוואַרפנדיק אויפן מאַרק פאַר אַלעמען און פאַר איטלעכן פון אונז אַזויפיל פּראָדוקטן, וויפיל מיר קענען נאָר קאָנסומירן. די איינציקע מאָס דערפאַר איז דאָס גרונטגעזעץ פון געזעלשאַפטלעכן יושר, לויט וועלכן איטלעכער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, איידער ער וועט עפּעס באַקומען, דאַרף אַרויסווייזן זיין געזעלשאַפט באַשטימטע שרותן, אין פאַר-העלטעניש צום ווערט פון דעם, אין וועלכן ער נויטיקט זיך.

די פאַרקויפטע מוחות, וואָס געפינען זיך אין אַרענדע בא די עקספּלואַטאַטאָרן, באַמיען זיך מיט אַלע כּוחות צו פאַר-פלאָנטערן דידאָזיקע פראַגע און אַרויסרופן אַ מישמאַש אין קאָפּ פון אַרבעטנדיקן. מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי זיי האָבן געכיכיקעט איבער מיין פאַנישער שרעק פאַר איבערפלוס. איר דאַרפט עקאָנאָמיזירן, באַהויפּטן זיי, און זיך פאַרזיכערן אויפן שוואַרצן טאָג. נאַטירלעך דאַרפן מיר זיך פאַר-זיכערן אויפן שוואַרצן טאָג, און איך פערזענלעך האָב גאָר נישט אַקעגן דעם איבערפלוס, בכלל איז פאַר מיר נאָר וויכטיק די פראַגע, ווער ס׳וועט באַקומען דעמדאָזיקן איבערפלוס: צי די-יעניקע, וואָס אַרבעטן, אָדער די, וועלכע, פונקט ווי פּאַראַזיטן, לעבן פון פרעמדער אַרבעט? אָט אין וואָס ס׳באַשטייט דער גאַנצער אונטערשיד פאַר מיר. מחמת בעת דער אַרבעטער זאַמלט אָן צופיל רייכטום פאַרן באַלעבאָס, בלייבט ער אַליין אָן אַרבעט, אויב דער אַרבעטער זאַמלט אָן צופיל פאַר זיך, קאָן ער דאַן אויסנוצן זיין איבערפלוס, כּדי אָפּצורוען נאָך דער שווערער מי.

מיר לעבן אין אַן אומגעהויער רייך לאַנד, וואָס באַזיצט אַלע נאַטירלעכע רייכטימער, וואָס מ׳קאָן נאָר געפינען אין דער וועלט, וואָס שטאָלצירט מיט אירע וווּנדערבאַרע מאַשינען, מיט אויסגעצייכנטע, אויסגעשולטע און פלייסיקע אַרבעטער, און ווען מיר וועלן איבערשניידן די אייזערנע רייף, וואָס פּרעסט אַרום מיט אַ טויט-קלעם דאָסדאָזיקע לאַנד, וועלן מיר אָנהויבן אויסאַרבעטן פאַר זיך גופא און וועלן אַליין קאָנסומירן די אינ-דוסטריע-פּראָדוקטן און געניסן פון זיי בשפע און זיך לעבן

רויק אין די גרענעצן פון אונזער אייגן לאַנד. מיר וועלן דאַן נישט דאַרפן צו האַלטן די אַרבעטער אין שוואַרצן קערפּער אויף אַ גראָשעדיקן לוין און איבערשיקן דעם גאַנצן איבערפלוס פון פּראָדוקטן קיין אויסלאַנד פאַר די פראַנצויזן, איטאַליענער, טערקן, כינעזער, הינדוסן און ענגלענדער, באַקומענדיק אַלס אויסבייט פּאַפּירענע התחייבותן לטובת אונזערע קאַפּיטאַליסטן.

אונז וועט נישט אויסקומען מער מלחמה צו האַלטן און קעמפן אין נאָמען פון פאַרכאַפּן די אויסלענדישע מערק פון די הענט פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. ווען די אַרבעטער וועלן זיין די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק, וועלן זיי אויך באַזיצן אַ פּראָדוציר-קאַפּיטאַל און וועלן אויסאַרבעטן פּראָדוקטן נאָר פאַרן געברויך; אויב אָבער ס׳וועט באַ אונז אָנגיין אַן אויסלענדישער האַנדל, וועט ער פאָרקומען בלויז דערפאַר, וואָס מיר וועלן וועלן קויפן באַ אַ צווייטער מלוכה די זאַכן פון איר אויסאַרבעטונג, און כלל נישט צוליב דעם, כדי פּטור צו ווערן פונם איבערפלוס פון דער פּראָדוקציע צוליב דער געפאַר פון אַ הונגער-טויט.

אָט אַזאַ אָרדנונג, דזשעד, שטעל איך מיר פאָר באַ אַ פרייער געזעלשאַפט. און איך באַהויפּט, אַז אין אַ געזעלשאַפט, ווו די אינדוסטריע וועט זיין איינגעריכטעט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, ווו קיין זאַך וועט נישט גיין לאיבוד, וועלן מיר זיין אימשטאַנד אויסצואַרבעטן אַ גרויסן סכום פּראָדוקטן אָן באַזונדערן צייט-פאַרלוסט.

איך קאָן זיך אויסדוכטן, אַז איך שפּאַס, אָבער דערלויבט אייך איבערצוחזרן, דזשעד, וואָס עס זאָגן אונזערע בעסערע אינזשענירן.

אין אונזערע מאַשינען שטעקט אַ קראַפט פון ד ר יי מ י ל י אַ ר ד ש ק ל אַ פ ן. אין דרייצן אינדוסטריע-צווייגן, ווי דאָס האָט אויסגערעכנט באַבסאָן, אַליין אַ קאַפּיטאַליסט, גיט די מאַשין-אויסאַרבעטונג 88 מאָל מער, ווי ס׳האָט געגעבן די האַנטאַרבעט. גיט נאָר אַ טראַכט, דזשעד, וואָס דאָס באַטייט!

אָדער טוט אַ קוק דערויף פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט. מיט צוואָנציק יאָר צוריק האָט סידנעי ריוו, אַן אינזשעניר-עקספּערט, אויסגערעכנט וויפיל מיר פאַרשווענדן אַרבעט און פּראָ-

דוקטן אַדאַנק דער קאָנקורענץ, און אין אַ גרויס בוך, וואָס באַשטייט געדיכט פון טאַבעלן און קאַרטעס, דערווייזט ער, אַז זיבעציק פּראָצענט פון אונזער פּראָדוקציע גייט לאיבוד.

די הוווער-קאָמיסיע, נעמענדיק אין אַכט בלויז דעם פאַר־שווענדערישן פאַרלוסט פון ענערגיע אין יעדער אונטערנעמונג, באַצייכנט דידאָזיקע ציפער אויף זעכציק פּראָצענט. סטיואַרט טשעיס האָט אין זיין אויסגעצייכנטן בוך „די טראַגעדיע פון פאַרשווענדערישקייט" באַצייכנט דידאָזיקע ציפער מינימום אויף פופציק פּראָצענט.

לאָמיר אָננעמען פאַרן אָנהויב די לעצטע ציפער, אַלס די קלענערע. וואָס-זשע באַטייט דאָס? און אָט וואָס:

אין אַ פרייער געזעלשאַפט וועלן מיר פאַר פיר שעה אַרבעט טעג־לעך האָבן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן איצט.

און נאָכמער, דזשעד — איך וויל אייך זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ לעבנס-אינטערעס פאַר יעדן אָרי־מאַן אין אונזער לאַנד:

אין אַ פרייער געזעלשאַפט וועט יע־דער אַרבעטן אַזוי פיל שעהן, וויפיל ס'וועט אים ניחא זיין צו אַרבעטן, באַקומענדיק פאַר זיין אַרבעט אַ באַלוינונג אין דער פולער מאָס.

און דערפאַר קאָן איך איצט ברענגען אַלס אויספיר דאָס, וואָס איך האָב געהאַט די דרייסטקייט צו באַהויפּטן פריער און נעמלעך:

אין אַ פרייער געזעלשאַפט וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר געצוווּנגענער אָרימקייט.

און לסוף וועל איך אייך ברענגען נאָך איין כּלל, וועלכן כ'בעט אייך גוט צו פאַרגעדענקען, דזשעד:

די פאַרשווינדונג פון געצוווּנגענער אָרימקייט פון דער געזעלשאַפט באַצייכנט מיט זיך דעם סוף פון דער פּראָסטיטוציע

און פאַרברעכערטום און מאַכטאַן עק צו
די מלחמות צווישן די ציוויליזירטע פעלקער

פערצענטער בריוו

מיין טייערער דזשער !

אינטערעסאַנט נאָכצופאָרשן די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט במשך דעם לאַנגדויערנדיקן פעריאָד פון דער געשיכטע.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פונם מענטש האָט זיך אָנגעהויבן פון די קליינע שבטים, בײַ וועלכע איין מענטש האָט זיך נישט אונטערגעשיידט פון צווייטן און ווו אַלע זענען געשטאַנען אויף דערזעלביקער מדרגה. דידאָזיקע שבטים האָבן געפירט מלחמות צווישן זיך, האָבן איינגעשלונגען איינער דעם אַנדערן, שטופנווייז געוואַקסן, און ביסלעכווייז איז אַלץ בולטער געוואָרן דער אונטערשיד צווישן די באַזונדערע מיטגלידער פונם שטאַם. ס'האָבן זיך באַוויזן הערצאָגנטומס, פירשטנטומס, קעניגרייכס און לסוף גרויסע אימפעריעס, אין וועלכע די רעגירער און רעגירטע זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אויף קלאַסן מיט שטרענגער אָפּהיטונג פון קלאַסן-אונטערשידן.

אונזערע אבות, לייגנדיק דעם פונדאַמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען אויפגעשטאַנען קעגן אַזאַ געזעלשאַפטספאָרם. זיי האָבן זיך געריכטעט מיט אַ נייער טעאָריע פון אָנפירן מיט דער מלוכה און איינגעשטעלט אַ נייע פאָרם, און נעמלעך — אַ רעפּובליק, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורך אירע בירגער, וואָס זענען פולשטענדיק גלייך צווישן זיך. דער עוואָלוציע-פּראָצעס אין דער פּאָליטישער וועלט קומט נאָך אַלץ פאָר, און מיר וועלן נאָך אַמאָל דערזען אַ פעדעראַטיוון פאַרבאַנד פון רעפּובליקעס, וואָס וועט אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט, אין

וועלכן יעדער מיטגליד וועט געניסן פון דיזועלביקע רעכט ווי אַלע אַנדערע.

כ'דאַרף אייך זאָגן, דזשעד, אַז דערדאָזיקער פּראָצעס, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, קומט פאָר אויך אין דער אינדוסטריעלער וועלט. דאָ זעען מיר אויך אַ קאַמף פון די מעגלעכסטע אונטערנעמונגען, דערביי האַלט איינער אָפּ נצחונות און שלינגט איין זיינע קאָנקורענטן, און אין רעזולטאַט עקזיסטירן באַ היינטיקן טאָג אינדוסטריעלע קעניגרייכן און אימפּעריעס. דאָס איז נישט בלויז קיין מאַניר פון אויסדריקן זיך, בעת מיר רעדן וועגן „קוילן-באַראָנען" אָדער „שטאָל-מלכים" און „אַליינהערשער פון פינאַנסן", מחמת דידאָזיקע מענטשן פאַרנעמען פאַקטיש אַזאַ לאַגע און באַזיצן אַזאַ מאַכט, ווי די אומבאַגרענעצטע מושלים פון די אַמאָליקע צייטן.

פונקט אַזוי ווי מיר זעען פּאָליטישע רעוואָלוציעס, אַזוי געפינען מיר זיי אויך אין דער אינדוסטריע. צווישן אַנדערע, איז די ערשטע פון דידאָזיקע גרויסע רעוואָלוציעס פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגן: די אַרבעטער פון סאָוויעט-רוסלאַנד פּרוּוון באַ היינטיקן טאָג אונז צו דערווייזן, אַז דאָס רעגירן מיט דער אינדוסטריע דורך די אַרבעטער אַליין – איז אַ פולשטענדיק מעגלעכע זאַך און באַטייט אַ שריט פאָרויס. אונזערע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זענען איבערצייגט דערין, אַז די רוסישע אַרבעטער וועלן ליידן אַ מפּלה. נאָר אויב ס'וואָלט אַפילו אַזוי געשען, וואָלט דאָס נישט פאַרענטפערט דעם שטרייט, מחמת די ערשטע פּאָליטישע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד האָט אויך געליטן אַ מפּלה, און דעסגלייכן די ערשטע צוויי אין פראַנקרייך, וואָס האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער צו ווערן רעפּובליקעס.

אין משך פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט זעען מיר, אַז מענטשן לערנען זיך פון דערפאַרונג. מיר לעבן אין יענער היסטאָרישער עפּאָכע, ווען די מענטשן באַמיען זיך אָנצווענדן די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע אין דער אינדוסטריע. בלי ספק וועלן פאָרקומען פיל טעותים, ס'וועט זיין צעשטערונג און מאַנגל, אָבער דאָך זענען מיר מחויב צו גיין פאָרויס, און אין רעזולטאַט וועלן מיר דערגרייכן אַ מער פאַר-

פולקאָמטן געזעלשאַפטס-טיפּ, איידער דער, וועלכן מיר האָבן איצט באַם סיסטעם פון אינדוסטריעלער מאָנאַרכיע אָדער פי־נאַנץ-אימפּעריאַליזם.

אין פראַנקרייך איז אַמאָל געווען אַ קעניג, אַ „גרויסער מאָנאַרך", וועלכער האָט דערקלערט: „די מלוכה — דאָס בין איך".

שטעלט אייך פאָר, דזשעד, ווי אַזוי מ'וואָלט אייך אויס־געלאַכט, אויב איר וואָלט אין דער צייט פון דאָזיקן קעניג, אין אַ שמועס מיט וועלכן ס'איז הויפמאַן, מיט וועלכן ס'איז הויכמוטיקן מאַרקיז, זיך פאַר אים אויסגעדריקט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען אין פראַנקרייך וועט דער „פאַראַכטעטער המון" שטימען, אויסוויילן אין פּאַרלאַמענט און אַנטשיידן פראַגן פון מלחמה און דיפּלאָמאַטיע. דער מאַרקיז וואָלט געווען פול־שטענדיק זיכער דערין, אַז דער „המון" וועט קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיין דערמיט זיך אַן עצה צו געבן. אָבער דאָס פאָלק וועט זיך עס אויסלערנען, און ס'וועט קומען אַ טאָג, דזשעד, ווען דאָ באַ אונז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט דאָס פאָלק אַליין אַנטשיידן וועגן אַלע ענינים.

איצט זענען אַלע גרויסע אינדוסטריע-מאַגנאַטן נישט ווי־ניקער פון יענעם מאַרקיז זיכער, אַז די אַרבעטער זענען בשום אופן נישט אימשטאַנד אָנצופירן מיט אונזערע פאַבריקן, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם — צו אַנטשיידן אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פראַגן.

דידאָזיקע הערן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אויפן געלט־מאַרק און דערמיט גופא פאַרכאַפּט די מאַכט; זיי האַלטן זי פעסט אין זייערע הענט און דערציען אין זעלביקן גייסט זייערע נאָכקומער, גרינדנדיק גרויסע פינאַנץ-דינאַסטיעס.

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויפן זעלביקן בילד, וואָס איז געווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אין פראַנקרייך, אין די צייטן פון די מלכים: דער נייער דור איז גאָרנישט ווערט, ער איז נישטיק לויט זיין נאַטור, און די פאָלקס-געלטער פליסן אַריין אין די קעשענעס פון די ליידיקגייערס און פּאַראַזיטן, וועלכע פאַרשווענדן זיי מיטן צוועק צו באַווייזן זייער עשירות. די אָרימע ווייזן אַרויס אומצופרידנקייט און הויבן זיך אָן צו

בונטעוועז, און שוין דערטראָגט זיך פונוויטנס דער עכאָ פון אָנציענדיקן שטורעם.

אונזערע פאַרקויפטע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען הערן נישט אויף צו אַלאַרמירן, אַז דאָס מלוכהשע רעגירן מיט די אונטער-נעמונגען איז אויסגעשטעלט אויף צעשטערונג און ווערט באַ-גלייט מיט אומזיסטע הוצאות און שוחד. פּריוואַט-אייגנטום — דאָס איז דער איינציקער וועג צו פּולקאָמענהייט!

אין אַזאַ פאַל, דזשעד, וויל איך אייך זאָגן, אַז באַ היינ-טיקן טאָג עקזיסטירט פיל פון אַזאַ „פּולקאָמענהייט", אָן וועלכן כ'וועל זיך גערן באַגיין, אָנהויבנדיק פון דערדאָזיקער מינוט. למשל די „פּולקאָמענהייט" אין זין פון קאַלעטשען און ממיתן אַרבעטער, צוליב וועלכן ס'האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן בלויז אין יאָר 1925 געליטן אַ מיליאָן מענטשן. די אַרבעטער אַרבעטן היינט אונטער דער בייטש פונם שקלאַפּנ-אייגנטימער, און איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, אַז אונזער אינדוסטריע זאָל אַביסל מעסיקן דעם טעמפּאָ, געבנדיק דעם אַרבעטער די מעגלעכקייט צו ווערן אַ מענטשלעך וועזן. וואָס שייך דער פאַרקויפלעכקייט און שוחד, מיט וועלכע ס'ווערט כלומרשט באַגלייט די מלוכהשע אָנפירונג מיט אונטערנעמונגען, האָב איך, שטודירנדיק דידאָזיקע פראַגע, אַנטדעקט אַ זייער טשעקאַווען פּרט, נעמלעך — די פּריוואַטע אייגנטימער פּרעסן אויס פון דער רעגירונג פּריוואַטע ריווחים. און דערפאַר האָט איר דאָ נאָך איין כּלל, דזשעד:

ד י ס י ב ה פ ו ן פ אַ ר ק ו י פ ל ע כ-ק י י ט אָ ד ע ר ש ו ח ד ש ט ע ק ט נ י ש ט א י ן ד ע ר מ ל ו כ ה ש ע ר אָ נ פ י ר ו נ ג מ י ט ד ע ר א י נ ד ו ס ט ר י ע, נ אָ ר א י ן ד ע ם פּ ר י ו ו אַ ט ן ר ע ג י ר ן פ ו ן ד י פּ אָ ל י ט י ק אַ נ ע ר.

וויאַזוי-זשע קאָנען מיר קעמפן מיטן דאָזיקן שלעכטס? מיר האָבן געפּרוווט אָפּשיקן די פאַרקויפטע פּאָליטיקאַנער אין תפיסה אַריין, אָבער דערפון איז גאָרנישט אַרויס צוליב דעם, וואָס די פּאָליטיקאַנער קויפן אונטער די ריכטער און די פּראָ-קוראַטור. און אין יענע זעלטענע פאַלן, ווען זיי פאַלן דאָך

אַריין אין תּפיסה, קויפן זיי אונטער די תּפיסה-שומרים. און דערפאַר לייג איך פאָר אַ נייעם פּלאַן, און נעמלעך: קעמפן מיט דעם, וואָס שטויסט זיי צום אונטערקויפן, ד. ה. מ׳דאַרף צונעמען בײַ דידאַזיקע הערן די מעגלעכקייט צו עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעטער, ווי אויך מאָנאָפּאָליזירן די יעניקע פּראָדוקטן, וועלכע זענען נויטיק דעם גאַנצן פאָלק.

דאָס, וואָס דער אַרבעטער דאַרף זיך לערנען רעגירן מיט דער אינדוסטריע, איז פּונקט דאָסזעלביקע, וואָס לערנען זיך שווימען. איר לאָזט אַראָפּ אין וואַסער איין פּוס און ער גייט צום גרונט, איר שלעפּט אים גיך אַרויס און זאָגט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו בלייבן אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער. און דאַן זאָגט צו אייך דער אַנדערער מענטש, וואָס קאָן שווימען: „איר קאָנט שווימען, אָבער נאָר אין דעם פאַל, אויב איר וועט זיך אינגאַנצן אַראָפּלאָזן אין וואַסער". מתּחילת וועט עס זיך אייך אויסווייזן ווי אַן אַבסורד, און דאָך איז דאָס דער ווירקלעכער אמת; דאָסזעלביקע איז אויך נוגע דער מלוכהשער אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע. איר קאָנט פולשטענדיק רעגירן מיט דער אינדוסטריע — מיט דער גאַנצער, אָבער בשום אופן קאָן מען נישט באַהערשן און רעגירן בלויז מיט אַ טייל פון איר.

בײַ היינטיקן טאָג שאַרן די פּריוואַטע אייגנטימער צונויף אַלע ריווחים, און דערפאַר צאָלן זיי, נאַטירלעך, גרויסע שטייערן און געניסן פון אַלעם, וואָס ס׳קאָנען געבן קאָמפּעטענטע מענטשן. נישט באַפרידיקנדיק זיך מיטן דאָזיקן, גראָבן זיך אונטער די פּריוואַטע אייגנטימער אונטער די פּרווון פון דער מלוכה צו קאָנקורירן מיט זיי און נוצן אויס דערצו זייערע ריזיקע מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע זיי קויפן אונטער די פּאָליטישע פּאַרטייען און באַשטימען אויף מלוכה-פּאָסטנס לחלוטין אומקאָמפּעטענטע מענטשן. דאָס איז נישט קיין גרונטלאָזע דערקלערונג, נאָר אַן אמתדיקער פּאַקט אין דער פּאָליטיק פון דער גרויסאינדוסטריע.

אונזערע הערן, וואָס קאָמאַנדירן מיט די פּאָליטישע פּאַרטייען, האָבן מורא צו באַשטימען קאָמפּעטענטע מענטשן אויף וויכטיקע פּאָסטנס, מחמת די וואָלטן געקאָנט מיטאמאָל אַ טראַכט

טון, וויאַזוי אונטערצונעמען עפּעס וואָס לטובת דעם פּאָלק, ווי־ וילן בעסער האָבן מענטשן, וועלכע קאָנען נישט „בריקעווען מיט די פיס", וועלכע זענען צו שוואַך דערצו. און דערפאַר האָבן אונזערע פּאָליטיקער בעת די לעצטע וואַלן, ווען מ'האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט, אָפּגעוואָרפן די קאַנדידאַטור פון דעם ווירקלעך קאָמפּעטענטן מענטש און געטרייען דינער זייערן, הערבערט הובער און אונז געגעבן דעם אָרימען, נעבעכדיקן, שרעקעוודיקן קולידזש, וואָס קאָן בשום אופן נישט אויפטון עפּעס צוליב דעמדאָזיקן פּשוטן טעם, וואָס ער ווייסט נישט, וויאַזוי דאָס צו טון. ווען מיר מיט אייך, דזשעד, און אַלע איבריקע נוצלעכע אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלן נעמען אין אונזערע הענט אַריין דאָס רעגירן מיט דער מלוכה, וועלן מיר זיין פולשטענדיק בכוח דערמיט זיך אַן עצה צו געבן. מיר וועלן זיך שוין כאָטש צוליב דעם אַן עצה געבן מיט דעראָזיקער אויפגאַבע, ווייל מיר וועלן עס מוזן טון, מחמת אונז איז נויטיק שפּייז פאַר די גרויסע שטעט און אַקער־ בוי־מכשירים און מאַשינען פאַר אונזערע פערמעס. מיר וועלן דינגען בעסערע עקספּערטן אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע ערטער אין דער אינדוסטריע, און פיל פון זיי וועלן זיין דיזעלביקע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך בײַ היינטיקן טאָג. און דידאָזיקע עקספּערטן וועלן אויך גערן אַרבעטן פאַרן אַמעריקאַנער פאָלק, פּונקט ווי זיי אַרבעטן בײַ היינטיקן טאָג אויף עפּעס אַ טאַטנס אַ זונדל, וואָס וויגט זיך איצט אויף אַ יאַכטע אויף דער ריוויערע אין דער געזעלשאַפט פון אַ טוץ כאָריסטינס, אָדער אויף עפּעס אַ רייך גענזל, וואָס גיט אַרויס נייע דעקרעטן וועגן מאָדע־פּראָבלעמען אויף וועלכן ס'איז קוראַרט, אַרומפּאַראַדירנ־ דיק אין באָד־קאָסטיום, וואָס איז אויסגעצירט מיט ברילִיאַנטן.

יאָ, דזשעד, מיר וועלן געפינען אַ מיטל ווי צו טון אונזער זאַך אָן דידאָזיקע עלעגאַנטע ליידיקגייערס. און ווען מ'זאָל אַפילו אָננעמען, אַז בײַ אונז וועט פאַרקומען אַ געוויסער אומזיסטער פאַרלוסט פון מיטלען און ענערגיע, טאָ וועט דאָס אַלץ זיין בעסער, איידער דאָס פאַרדאַרבן אַ גאַנצן דור יוגנט מיטן ביישפּיל פון די חסר־דעהדיקע גבירים. און אויב ס'וועט בײַ אונז האָבן אָן אָרט פאַרקויפלעכקייט און שוחד,

וועלן מיר געפינען אַ וועג צו קעמפן אויך דערמיט. און אויב מ'וועט דאַרפן מער פולקאָמענהייט, וועלן מיר אויך דאָס דערגרייכן, מחמת די זאַך וועט זיין אונזערע און די פאַרלוסטן אויכעט אונזערע.

כ'וועל אייך זאָגן אַפילו מער, דזשעד, די ציפער, וואָס דריקט אויס דעם אומנוצלעכן פאַרלוסט פון מיטלען באַם קאַפּיטאַליזם, איז אַזוי גרויס, אַז ווי ס'זאָל נישט זיין אונזער פעיקייט צום רעגירן באַם סיסטעם פון פרייער געזעלשאַפט, וועלן אונזערע אומזיסטע פאַרלוסטן זיין באַדייטנדיק קלענער. דערמאָנט אייך אָן די ציפערן, וועלכע כ'האָב אייך געברענגט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשווענדערישקייט אין דער אינדוסטריע צוליב דער קאָנקורענץ. און איצט פאַרגעדענקט נאָך איין לאָזונג, דזשעד:

דער פאַרגלייך צווישן דער פּראָדוקציע-קראַפט פון אַ פרייער מלוכה מיט דער זעלביקער באַם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם איז ענלעך צום פאַרגלייך פון אַ נאָרמאַלן מענטש מיט אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד.

און דערלויבט אייך צו דערמאָנען, וואָס ס'האָט אָפּגעטון דערדאָזיקער מענטש, פאַרלירנדיק דעם פאַרשטאַנד:

פאַרן פעריאָד צווישן די יאָרן 1914 און 1918 האָט דער קאַפּיטאַליזם, זיך כלל נישט זשענירנדיק, אומגעברענגט 30 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס און פאַרניכטעט אויף 30 מיליאָן דאָלער פון יעטוועדן גוטס.

און אָט וואָס נאָך, דזשעד:

דער קאַפּיטאַליזם אין די פאַריניקטע שטאַטן דערפירט דערצו, אַז פינף מיליאָן אַרבעטער

האָבן אין דורכשניט קיינמאָל קיין אַרבעט נישט.

און פאַרגעדענקט אויך, אַז פּאַריקן זומער האָט דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּע אויסגעקלערט מיט באַזונדערן פלייס 9 מיליאָן מענטשן, ווי אַזוי צו פאַרניכטן מיט גרויס דערפאָלג דאָס אַלץ, וואָס ס'האָבן באַשאַפן די איבעריקע אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט.

און לסוף דעם לעצטן כּלל, דזשעד:

דאַן ווען די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך פאַר די לעצטע פופציק יאָר פאַרגרעסערט אויף 200 פּראָצענט, האָט דער קאַפּיטאַליזם געהעכערט זיינע הוצאות אויף דער מאַסן־אויסראָטונג פון די מענטשן מער ווי אויף 2,400 פּראָצ.

פופצענטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין אַמאָל פאַרגעקומען און אַרומגעכאַפּט אַ זעקסטל טייל פון דער ערד־אויבערפלאַך, און 140 מיליאָן מענטשן לעבן איצט אין אַ מלוכה, וואָס ווערט רעגירט דורכן אַרבעטער־קלאַס.

וואָסערע ס'זאָלן נישט זיין אונזערע אָנשוויונגען בנוגע דעמדאָזיקן געשעעניש, קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן פאַלש

צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, מחמת דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרוואַנדלט די וועלט אין איין גאַנצעס, און אונזערע פּרווון צו פאַרמאַכן זיך אין אונזער לאַנד זענען לכתחילה אויסגעשטעלט אויף אַ מפּלה.

די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען אַ פּועל-יוצא פון דעם פולשטענדיקן חורבן פון דערדאָזיקער מלוכה אין דער היץ פון דער מלחמה. דידאָזיקע גרויסע אימפּעריע, צעפוילט דורך און דורך פון אונטערגעקויפטקייט און שוחד, איז נאָך דריי יאָר מלחמה דערגאַנגען צו אַזאַ מעמד, אַז אירע אייזנבאַנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און אין די שטעט האָט אויסגעפעלט שפּייז צו דערנערן די באַפעלקערונג. און ווען אויפן האָריזאָנט האָט זיך שוין באַוויזן דער הונגער-טויט, האָבן די סאָלדאַטן, מאַטראָסן און אַרבעטער געבילדעט די ראַטן און אין אָקטאָבער 1917 אומגעוואָרפן די בורזשואַזע רעגירונג און דערמיט טאַקע געגעבן דעם וועלט-קאַפּיטאַליזם דעם שטאַרקסטן קלאַפּ פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ.

אין משך פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט זענען אָפט פאָרגעקומען שקלאַפן-אויפשטאַנדן, אָבער תמיד בלינד, און האָבן דערפאַר נישט דערפירט צו קיין צוועק און זענען דערשטיקט געוואָרן דורך שרעקלעכע בלוטפאַרגיסונגען. אין דער רוסישער רעוואָלוציע אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס פולשטענדיק נייעס: די אָנפירערס פון דעם אויפשטאַנדיקן און זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט האָבן אויסגעצייכנט אויסגעשטודירט די אידעען פון מערב און אויסגעאַרבעט אַ טעאָריע פון רעוואָלוציע און הערשאַפט פון אַרבעטער-קלאַס אין דער געזעלשאַפט. דידאָזיקע מענטשן האָבן געוווּסט צו וואָס זיי שטרעבן, זיי האָבן אויסגעפּרווט זייער פּלאַן, און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אָננעמבאַר — לכל הדעות אויף אַזויפיל, אַז דידאָזיקע מענטשן שטייען נאָך אַלץ בײַ דער מאַכט, נישט קוקנדיק אויף די צוויי יאָר מלחמה, וואָס די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געפירט אַקעגן זיי, נישט קוקנדיק אויף די זעקס יאָר פינאַנץ-בלאָקאַדע, אַלס צולאָג צו דער עקלהאַפטער קאָמפּאַניע פון רכילות און שקרים אין דער וועלט-פּרעסע.

ווער־זשע זענען עס דידאַקטיקע מענטשן? זיי רופן זיך מאַרקסיסטן מיטן צוגאָב „וויסנשאַפטלעכע", מחמת זיי האָבן אויסגעשטודירט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ד. ה. די געזעצן פון זיין וווקס און פונאַנדערשפּרייטונג, און די קרעפטן, וועלכע זענען באַרופן אומצוּוואַרפן דעמדאָזיקן סיסטעם, און יענעם מין געזעלשאַפט, וואָס דאַרף ווערן איינגעשטעלט דורך די נייע כּוחות.

די געשיכטע, זאָגט מאַרקס, דאָס איז אַ ריי קלאַסן־מלחמות, און זיי מוזן זיך פאַרענדיקן מיטן נצחון פון אַרבעטער־קלאַס און לייגן דעם אָנהויב פון אַ נייער געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'וועט נישט זיין קיין קלאַסן־פונאַנדערטיילונג צוליב דעמדאָזיקן פּשוטן טעם, וואָס קיינער וועט נישט עקספּלואַטירן קיין פרעמדע אַרבעט.

די לאָזונגען פון די מאַרקסיסטן זענען אַזעלכע: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" „פאַרלירן קאָנט איר נאָר אייערע קייטן, געווינען — די גאַנצע וועלט!"

די מאַרקסיסטישע טעאָריע זאָגט בקיצור:

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין גרויסן מאַסשטאַב שטויסט די אַרבעטער אין די פאַבריקן אַריין, ווו זיי אַרבעטן פאַר די אָפּוועזנדיקע אייגנטימער, וועלכע זיי זעען קיינמאָל נישט. זיי זענען געצוווּנגען צו אַרבעטן אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג, באַקומענדיק אַ נידעריקן לוין, נישט זייענדיק זיכער דערין, אַז אויך מאָרגן וועלן זיי האָבן אַרבעט, און דאָס צווינגט זיי זיך צו אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען. אין דאָזיקן קאַמף אַנטוויקלט זיך זייער „קלאַסן־באַוווּסטזיין" און סוף כּל סוף שטויסט זיי דער פונאַנדערפאַל פון קאַפּיטאַליסטישן סדר צו שטעלן זיך אויפן וועג פון רעוואָלוציע און, באַהערשנדיק אַלע פאַבריקן, רעגירן מיט זיי לטובת די אַרבעטער, און נישט פאַר די באַלעבאַטים.

ווען ס'איז אונטערגעקומען דער שעת־הכּושר אויסצופּרוּוון דידאָזיקע טעאָריע אין רוסלאַנד, האָבן זיי אים אויסגענוצט, און די פראַגע וועגן דעם, וואָס זיי האָבן דערגרייכט, איז איצט די ברענענדיקסטע אין דער וועלט. כּדי זיך צום בעסטן קלאָר

צו מאַכן דאָס, דאַרפט איר, טייערער דזשנד, קודם כל פאַר־שטיין, אַז זיי זענען געווען געצוווּנגען צו דעם, וואָס זיי האָבן געטון.

אין אַנדערע לענדער, ווי למשל: אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט מיט די רעוואָלוציעס אָנגעפירט דער מיטעלער קלאַס. אָבער אין רוסלאַנד איז פּאַק־טיש נישט געווען קיין מיטלקלאַס, און ס'איז געבליבן אויסצו־ווילן אָדער די מאַכט פון די אַרבעטער, אָדער דעם כאַאָס.

צווייטנס, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז די נייע רעגירער אין רוסלאַנד האָבן איבערגענומען אַ פולשטענדיק צעבראָכענע מאַשין, אַ לאַנד, וואָס איז געווען צוזאַמענגעבראָכן נאָך דריי יאָר מאָדערנער מלחמה — דאָס שרעקלעכסטע, וואָס קאָן נאָר זיין אין דער וועלט.

דריטנס, איז זיי אויסגעקומען איבערצוטראָגן עטלעכע יאָר אַריינרייסן זיך אין זייערע גרענעצן מצד אייראָפּע, אַמעריקע און יאַפּאַן און זיך שלאָגן גלייכצייטיק אויף 26 פראָנטן. און אין דערזעלביקער צייט איז פאָרגעקומען אַ בירגער־קריג, און אַ בלאָקאַדע, און אַ פינאַנץ־בויקאָט, און אַ פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין דער גאַנצער וועלט, און אַלס צולאָג צו דעם אַלעם — צוויי נאָכאַנאַנדיקע הונגער־יאָרן, וואָס טרעפט זיך אַגב זייער אָפט אין רוסלאַנד און ווערט אַרויסגערופן נישט דורך רעוואָלוציע, נאָר דורך טרוקעניש.

און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, שטייט ראַטן־רוס־לאַנד שטאָלץ און זיכער מיטן פנים צו אַלע אירע קעגנער אויפן נייַנטן יאָר פון איר לעבן. זי האָט אויפגעשטעלט איר אַגריקולטור און זי דערפירט צום פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד, און איר אינדוסטריע האָט שוין דערגרייכט מער ווי אַכציק פּראָצענט פון פאַרמלחמהדיקן ניוואָ; בלי־ספק וועט אין די יאָרן 1925 און 1927 דערדאָזיקער ניוואָ איבערגעשטיגן ווערן, אויב דער שלום אין אייראָפּע וועט נאָר נישט געשטערט ווערן.

ראַטן־רוסלאַנד האָט זיך פאַרוואַנדלט פון אַ מיליטאַריסטי־שער אימפּעריע אין אַ פעדעראַטיוון פאַרבאַנד פון קאָמונעס.

ראַטן-רוסלאַנד האָט דערצויגן אַ ניי דור פון יונגע אַרבעטער; פון זיי זענען לערך פינף הונדערט טויזנט אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. די ראַטן-מאַכט האָט אויסגעלערנט מיליאָנען מענטשן לייענען און שרייבן — אָן אויסנאַם איר גאַנצע אַרמיי און כמעט יעדן אַרבעטער.

אין פלוג וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אַ דאַנק דעם אַלעם וועט דער נייער סיסטעם פאַרדינען אַ געהעריקן שטודיום און אַ יושרדיקע קריטישע אָפשאַצונג.

רוסלאַנד איז אומדעמאָקראַטיש — אַזוי זאָגט מען אייך, דזשעד, און איר זענט דאָך אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע. נו, מילא, איך טייל אויך אייער אָנשויונג בנוגע דעמאָקראַטיע.

אָבער וויבאַלד נאָכן פאַרלויף פון אַ ריי יאָרן וועלן זיך די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט איבערצייגן, אַז דעמאָקראַטיע באַטייט אומגלייכהייט, אַ שטייגער, ווי מיר זעען עס דאָ אין אַמעריקע, אינדערצייט ווען די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט באַטייט קולטורעלע פרייהייט פאַר די אַרבעטער און אַ שנעל אויפהויבן זיך אויפן וועג פון פאָלקס-וווילשטאַנד — אין אַזאַ פאַל, וועט איר מסכים זיין, דזשעד, אַז אונז, אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע, וועט אָנקומען זייער שווער צו שטרייטן.

ס'גייט נישט דערין, דזשעד, וואָס צוזאַמען מיט דער דעמאָקראַטיע און דער פאָליטיק עקזיסטירט באַ אונז אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַן אינדוסטריעלע אַליינהערשאַפט, און די-דאָזיקע צוויי שונאים קעמפן אַכזריותדיק צווישן זיך, און מיר מיט אייך וועט אויסקומען צו אַנטשיידן צו וואָס מיר שטרעבן: צו אַ קאַפיטאַליסטישער אימפעריע אָדער צו אַן אידוסטריעלער רעפובליק?

רוסלאַנד האָט קיינמאָל נישט געקענט קיין דעמאָקראַטיע, און אַפילו נישט דידאָזיקע אידעע גופא, אויב נישט רעכענען עטלעכע טרוימער. ערשט אינגאַנצן מיט זיבעציק יאָר צוריק האָט זיך די גאַנצע פויערים-באַפעלקערונג געפונען אין שקלאַפנשאַפט און געווען צוגעפעסטיקט צו דער ערד. פיל פון די ראַנד-פעלקער זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג האַלב-באַרבאַרישע

שבטים. פאַבריקן זענען אין רוסלאַנד נישט פאַראַן קיין סך, און צו דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז ס'רוב גרויסע פאַבריקן פינאַנסירט געוואָרן דורך אויסלענדישן קאַפּיטאַל און רעגירט געוואָרן דורך אויסלענדער.

אין רעזולטאַט פון דער צעשטערנדיקער מלחמה איז אַנט-שטאַנען אַ פולער חורבן. ס'וואָלט געווען לעכערלעך און אומ-זיניק צו דערוואַרטן, אַז די מענטשן, איבערנעמענדיק די מאַכט איבער דער מלוכה, זאָלן איינשטעלן אין רוסלאַנד אַ דעמאָ-קראַטישן סיסטעם, אַ שטייגער ווי דעם, וועלכן מיר זעען אין אַמעריקע. און די יעניקע, וואָס קעמפן דערפאַר, דענקען בלי-ספק אומערלעך, מחמת זיי ווייסן, אַז אויב זייער פאַרטיי וואָלט געלונגען צו פאַרכאַפּן אין אירע הענט די מאַכט, וואָלט זיי זי געהאַלטן מיט דיזעלביקע מיטלען, ווי די באָלשעוויקעס, ד. ה. מיט כוח.

וואָס טוען די באָלשעוויקעס? זיי קלערן-אויף די אַרבע-טער און פויערן און ציען זיי אַריין אין דעם רעגירן מיט דער מלוכה. דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליקעס [illegible] רום כמעט די גאַנצע טעריטאָריע פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע. די באָלשעוויקעס האָפן, אַז מיט דער צייט וועלן אין דאָזיקן פאַרבאַנד אַריין אויך אַנדערע לענדער, מחמת זיי האַלטן, אַז די אַרבעטער פון דידאָזיקע לענדער וועלן זיך אָן זיי אָנשליסן. און די מושלים און קאַפּיטאַליסטן פון אַנדערע לענדער האָבן טאַקע דערפאַר מורא, און דעריבער האָבן זיי אַזוי פיינט די באָלשעוויקעס און פירן קעגן זיי אַ קאַמפּאַניע פון שקרים און רכילות.

די ענגלישע רעאַקציאָנערן, בײַ דער אונטערשטיצונג פון די אַמעריקאַנער באַנקירן, פירן קעגן רוסלאַנד עקלהאַפטע אינטריגעס אין וועלט-מאַסשטאַב, און מעגלעך, אַז זיי וועלן בקרוב ווידער אויפפאָדערן דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק אָנצוהויבן אַ מלחמה „צום שוץ פון דער דעמאָקראַטיע".

און וואָס וועט דאַן פאָרקומען? פאַראַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק וועט זיך אָפּרופן אויף דערדאָזיקער ווענדונג און נעמען אַן אָנטייל אין דער מלחמה, מחמת די אמעריקאנער האָבן ליב דאָס אלץ, וואָס איז פאַר-

בונדן מיט דער ענגלישער אריסטאקראטיע, און קיין זאך פארשאפט זיי נישט קיין גרעסער פארגעניגן, ווי די דערשטיקונג פון דער ארבעטער-באוועגונג אין דער גאנצער וועלט. זיי האבן אויסגעווײלט אויפן אמט פון פרעזידענט קולידזשן נאר אין אנפאל פון פאטריאטיזם, מחמת זיי האבן געהאלטן — בטעות, אגב — אז ער האט אנטיילגענומען אין דער דערשטיקונג פונם שטרייק פון דער באסטאנישער פאליציי.

אין דער צייט, ווען איך שרייב דיזאזיקע שורות, שענקט אונזער רעגירונג א מיליארד דאלער — כלומרשט צו „דעקן דעם חוב" — דער איטאליענישער מלוכה בלויז דערפאר, וואס דער שטאל-קעניג הערי און אנדערע באלעבאטים אונזע־ע האבן ליב די שווארצהעמדלדיקע פאשיסטן און קאנען זיך נישט דערווארטן יענע צייט, ווען זיי וועלן קאנען איינגעבן ריצינאייל די אמעריקאנישע ארבעטער.

איר דארפט וויסן, דזשעד, אז מיר האבן מיט א ברייטער האנט פונאנדערגעטיילט געלט פארשידענע אוואנטוריסטן, אבי זיי זאלן זיין אנהענגער פון דער אליינהערשאפט, מיר האבן געצאלט איטלעכן פאלק און שבט, וואס איז געווען רעאקציאנער דערויף, כדי צו קעמפן מיט ראטן-רוסלאנד אויף איינעם פון די זעקס און צוואנציק פראנטן. מיר האבן אנגעטון אין אמעריקאנער מונדירן די פוילישע זעלנער, וואס זענען געגאנגען אויף מלחמה קעגן רוסלאנד, און אפילו פארברענט די זאפאסן פון אמעריקאנישן רויטן קרייץ, כדי זיי זאלן נישט ווערן פארכאפט און אויסגענוצט פאר די קראנקע און גוססדיקע אין דער ראטן-רעפובליק. מיר האבן דערלויבט ווילסאנען צו שיקן אונזער יוגנט אויף א זיכערן טויט אין זיין „פריוואטער מלחמה" מיט דעם אונז פריינטלעכן פאלק, מלחמה האלטן אונטער דער קאמענדע פון די ענגלישע אפיצירן אין ארכאנגעלסק און צוהעלפן די יאפאנער צו פארכאפן סיביר.

דאס אלץ איז פארגעקומען, דזשעד, און אפגעטון געווארן פאר אייער געלט און אונטערן צודעק פון אייער פאן. און דאס וועט זיך איבערחזרן, ווען די ענגלישע רעאקציאנערן וועלן זיין גרייט — מחמת דער „בולדאג" שלאפט קיינמאל נישט און לאזט קיינמאל נישט ארויס דעם איינמאל צוגעכאפטן רויב.

דער ענגלישער בולדאָג האָט פעסט באַשלאָסן צו דער־שטיקן ראַטן־רוסלאַנד, פונקט ווי ער האָט אַמאָל דערשטיקט נאַפּאָלעאָנען, און ווידעראַמאָל צוליב איין און דעמזעלביקן צוועק: כדי נישט אַרויסצולאָזן פון די הענט די דרייהונדערט מיליאָן שקלאַפן אין אינדיע.

אויב צו יענער צייט, ווען דער אַטאַק וועט זיך אי־בערחזרן, וועט זיך אַמעריקע פונדעסטוועגן נישט איילן צו פאַרגיסן איר בלוט און שליידערן אויפן ווינט מיט געלט, טאָ וועט עס נאָר זיין צוליב איין סיבה, און נעמלעך דערפאַר, וואָס ביז צו יענער צייט וועט געלינגען אויפצוקלערן אַזעלכע תמימותדיקע מענטשן ווי איר, דזשעד, און געבן זיי צו פאַר־שטיין אין וואָס עס גייט, און שטערן די באַנקירן פון דער גאַנצער וועלט אויסצופירן זייער נאָכאַנאַנדיקן אַלוועלטלעכן פאַרברעכן.

זעכצענטער בריוו

מיין טייערער דזשעד!

די רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן קייקלט זיך קאָפּשווינדלעריש אַראָפּ איבער יענעם וועג, וואָס האָט אַמאָל דערפירט צום אונטערגאַנג אויך אַלע אַנדערע וועלט־אימפּעריעס. דאָס זענען כלל נישט קיין הויכע ווערטער, נאָר בלויז אַן אויספיר פון דער מלוכה־סטאַטיסטיק.

רוים האָט דערפירט צום אונטערגאַנג דער אימפּעריאַ־ליזם מיט זיינע אַלע פאָלגן: מיטן אונטערגראָבן זיך אונטער די אומאָפּהענגיקע ערדאַרבעטער, מיטן וווּקס פון דער צאָל אַרענדאַטאָרן און גוטסבאַזיצער, מיט דעם פאַרוואַנדלען די דאָרף־באַפעלקערונג אין באַוווינער פון די שטאָטישע ענגענישן, מיט דעם אומגלויבן אין געפינען אַרבעט און דער אָפּהענגי־קייט פון געזעלשאַפטלעכן חסד.

דאָסזעלביקע קומט אויך פאַר פאַר אונזערע אויגן. די פרייזן אויף פערמעס שטייגן באַ אונז כסדר אומברחמנותדיק און אומאָפּהאַלטבאַר, און אַלע ריווחים פון לאַנדווירטשאַפט גייען אין די קעשענעס פון די ספּעקולאַנטן, פאַרמיטלער און פּראָצענטניקעס. די צאָל פון פאַרמשכונטע פערמעס שטייגט פון טאָג צו טאָג, די צאָל פון די פאַרקנעכטעטע ארענדאַטאָרן פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן יאָרצענטליק. די דאָרפס-יוגנט וואַרפט די פערמעס און לאָזט זיך אין שטאָט אַריין, כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטסלאָזע און נידעריקער מאַכן דורכ־דעם די אַרבעטסלוינען.

דער מענטש, וואָס וויל לעבן אין שטאָט, צאָלט אַלץ מער און מער די מענטשן, וואָס ספּעקולירן מיט אומבאַוועגלעכן פאַרמעג.

אין די האַנדלס-צענטרען פון שטאָט ווערן די פרייזן אויף ערד פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט במשך פון אַ יאָר־צענטליק און קיין שום בוי-אַרבעט קאָן נישט אונטערגענומען ווערן, כּל-זמן ס'ווערט נישט באַפרידיקט די גיריקייט פון די ערד-אייגנטימערס.

מיליאָנען אַזעלכע קליינינקע מענטשן ווי איר, דזשעד, האַלטן אונטער דעמדאָזיקן סיסטעם, מחמת איר האָט זיך אייער הייזל און האָט אַ געוויסע הכנסה — פּונקט אַזוי ווי מיליאָנען מענטשן האַלטן אונטער די גרויסע טרעסטן בלויז דערפאַר, וואָס אין זייערע הענט געפינען זיך עטלעכע אַקציעס פון דאָזיקן טרעסט. זיי פאַרשטייען נישט, אַז באַ אַ יושרדיקן סיסטעם וואָלטן זיי אַלס פּראָדוצירער באַקומען פיל מער, ווי דאָס, וואָס זיי באַקומען אַלס קליינע ספּעקולאַנטן.

די ערשטע אויפגאַבע אונזערע איז צו עפענען זיי די אויגן און אַריבערציען זיי אויף אונזער זייט. מיר ווילן אַרויס־רייסן די רעגירונגס-לייצן פון די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן און פריער פון אַלץ אָנהייבן אַ קאַמף מיט די ספּעקולאַנטן פון אומבאַוועגלעכן פאַרמעג. דאַן וועלן באַפרייט ווערן אַ מאַסע פערמעס, וואָס וועלן אויסגענוצט ווערן דורך די לאַנד-אַרבע־טער, און די ערד נאָענט פון די שטעט וועט אויך ביליקער ווערן.

צוגלייך דערמיט וועלן אי די שטעט, אי די שטאַטן האָבן גענוג געלט פאַר פּלערליי פאַרפאָלקאָמונגען, וואָס זענען נויטווענדיק פאַר די געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש, דער אַרבעטס-לוין וועט שטייגן און אַלע אַרבעטער וועלן דערפון געווינען.

דער פערמער וועט האָבן אַ גוטן אָפּזאַץ פאַר זיינע פּראָדוקטן, מחמת די שטאַט-באַפעלקערונג וועט שוין מער נישט עקזיסטירן אויף האַלבע פּאַיאָקעס.

אין איצטיקער צייט קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די פערמערס און אָרגאַניזירטע אַרבעטער, מחמת דעם פערמער קומט אויס צו דינגען טאָגלוינער, און ער שטרעבט צו דינגען זיי וואָס מעגלעך ביליקער. אונזערע פּאָליטיקאַנער באַמיען זיך מיט אַלע כּוחות אויסצונוצן דעמדאָזיקן קאָנפליקט, כּדי צו באַרויבן באַזונדער אי דעם פערמער, אי דעם אַרבעטער. און איך וויל אָנווייזן דעם פערמער און דעם אַרבעטער, אַז זייערע אינטערעסן פאַלן זיך פאַקטיש צונויף: ביידע זענען זיי פּראָדוצירער און יעדער פון זיי דערגאַנצט דעם צווייטן. דער פערמער שטעלט צו ברויט פאַרן שטאָטישן אַרבעטער, אינדערצייט, ווען דער שטאָטישער אַרבעטער שטעלט אים צו מאַשינען, בוי-מאַטעריאַלן, מלבושים און צייטונגען, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק דעם ערדאַרבעטער. דידאָזיקע צוויי גרופּעס בילדן דעם יסוד פאַר דער נייער געזעלשאַפט, און אין זייער פּאָליטישן פאַרבאַנד ליגן אַלע אונזערע האָפענונגען אין דער צוקונפט.

ווען איך זאָג „אַרבעטער", פאַרשטיי איך אונטערן דאָזיקן וואָרט אַלע, וואָס אַרבעטן הן פיזיש, הן גייסטיק. צי דאָס איז אַ לערער אָדער הויזווירטין, באַאַמטער אָדער סטענאָגראַפּיסט, פאַבריקס-מייסטער אָדער אַרכיטעקט, כעמיקער דאָקטאָר, יוריסט אָדער פאַבריקס-פאַרוואַלטער — אַלע זענען זיי גלייך נויטווענדיק פאַר דער פּראָדוקציע. דאָס איינציקע, וואָס איז אונז לחלוטין נישט נויטיק, דאָס זענען די באַלעבאַטים, וועלכע זענען עקספּלואַטאַטאָרן און פאַראַזיטן.

אַלע נוצלעכע פאַבריק- און ערד-אַרבעטער דאַרפן זיך צונויפגיסן איינעם. זיי דאַרפן בילדן זייער אייגענע פּאַרטיי — די פּאַרטיי פון פּראָדוצירער. און מיר דאַרפן אויפבויען און

באפּעסטיקן די פּראָפּעסיאָנעלע פּאַריינען פון אַרבעטער און פויערן, ווייל מ׳קאָן ווייט נישט זיכער זיין דעריבער, אַז אונזערע געלט-באַלעבאַטים וועלן זיך אונטערגעבן אַפילו דאַן, ווען זיי וועלן ליידן אַ מפּלה בײַ די וואַלן. מ׳דאַרף זיי דערוויזן, אַז דידאָזיקע וואלן האָבן הינטער זיך די שטיצע פון מעכטיקע און אַנטשיידנדיקע אָרגאַניזאַציעס אין אַלוועלטלעכן מאָסשטאַב.

כּדי צו דערנענטערן דעם אַרבעטער און פּערמער, דאַרף מען וועקן די קאָאָפּעראַטיווע מיטאַרבעטערשאַפט צווישן דידאָזיקע צוויי גרופּעס. דער פּערמער קאָן שפּייזן דעם אַרבעטער, און דער אַרבעטער קאָן אויפבויען קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן פאַר זיין פּערמער-קאָנסומענט. שוין איצט איז פאַראַן אַ פונדאַמענט פאַר דערדאָזיקער התחלה אין געשטאַלט פון דער אייזנבאַן-ברודערשאַפט, ווי אויך דער נאָדל-פאַריין. אַ גרויסע באַדייטונג האָט אויך דאָס שאַפן אַרבעטער-בענק צום פינאַנסירן אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, מחמת בײַ היינטיקן טאָג איז אַ גרויסע טייל פון דידאָזיקע אַרבעטער-בענק אינדעראמתן בלויז שווינדל, מחמת אין זיי פעלט לחלוטין דער קאָנטראָל פון די אַרבעטער, און אַזוינאָך דערקלערט זיך עס, וואָס נישט זעלטן ווערט אַ געוועזענער פירער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג פאַרוואַנדלט אין אַ דערפאָלגרייכן באַנקיר.

אָבער אויך דאָסדאָזיקע שלעכטס וועט אויסגעהיילט ווערן און די פאַריינען וועלן האָבן בענק, מיט וועלכע זיי וועלן אַליין אָנפירן אינדעראמתן, און די פאָנדן פון דערדאָזיקער באַנק וועלן אויסגענוצט ווערן לטובת די אונטערנעמונגען פון די אַרבעטער גופא. וואָס קאָן זיין מער באַדויערנסווערט, אויב נישט די היינטיקע לאַגע, ווען די אַרבעטער גיבן אָפּ זייערע אַלע אָפּשפּאָרונגען, וואָס דריקן זיך אויס אין מיליאָנען, צו די קאַפּיטאַליסטישע בענק, וועלכע שיקן זיי איבער אין וואָלסטריט, און דאָרט באַנוצט מען זיך מיטן דאָזיקן געלט, כּדי צו באַרויבן דעם אַרבעטער, צו פינאַנסירן די צייטונגען, וואָס זענען פיינטלעך צו די אַרבעטער און צעברעכן אַרבעטער-שטרייקן.

בײַ היינטיקן טאָג איז די לאַגע פון אַמעריקאַנער אַרבעטער הן פּאָליטיש, הן עקאָנאָמיש הינטערשטעליק אויף אַ גאַנצן דור. אונזערע אַרבעטער זענען ענלעך צו די איינגעזונ-

סענע פון די פיליפינען-אינזלען, וועלכע גייען ארויס מיט א פיילנבויגן אקעגן פולעמיאטן. אונזערע פאריינען זענען נאך אלץ ארגאניזירט אויפן שטייגער פון צעכן, און זייערע קעגנער זענען אבער גיגאנטישע קאפיטאליסטן-פארבאנדן, וואס באשטייען פון הונדערטער פארשידענע צעכן. און נאטירלעך ליידן אונזערע פאריינען אויף יעדן טריט א מפלה. די צאל פון זייערע מיטגלידער פארקלענערט זיך, און די פירער פרווון אומזיסט אויפצוהייבן אין זיי דעם גייסט.

איך דערמאן זיך, דזשעד, אז במשך פון אונזערע שמועסן האט איר מיר אנגעוויזן דערויף, אז פיל ארבעטער-פירער זענען פארקויפטע לייט און דאס זאל זיין איינס פון די ארגומענטן, הלמאי איר ווערט נישט קיין מיטגליד פון א פראפעסיאנעלן פאריין.

אבער פרווט נאכפארשן די פארקויפלעכקייט אין די פראפעסיאנעלע ארבעטער-פאריינען, און איר וועט געפינען טאקע דאס, וואס איך האב אנטפלעקט אין צוזאמענהאנג מיט דער פארקויפלעכקייט פון די פאליטיקאנער. ווער גיט געלט דערויף, כדי אונטערצוקויפן די ארבעטער-פירער? די באלעבאטים און באלעבאטים-פארבאנדן! ווו איר זאלט זיך נישט אנשטויסן אויפן דאזיקן שלעכטס אין אונזער געזעלשאפט, אומעטום חזרט זיך איבער איינס און דאסזעלביקע: די פריוואטע אייגנטימער שטרעבן רייך צו ווערן אויפן חשבון פון די ארימע און שוואכע.

מיר איז געלונגען צו באקענען זיך מיט די סיבות פונם שטרייק פון די טשיקאגער פורמאנעס, צוליב וועלכן ס'איז פארגעקומען אין שטאט אן אומגלויבלעכע מהומה במשך פון עטלעכע וואכן און וועלכע איז געווען באגלייט דורך בלוטפארגיסונג, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אז זי איז געווען אן אומכבוד פאר די ארבעטער.

וואס-זשע האט זיך ארויסגעוויזן? איין גרויסער אוניווערסאלער מאגאזין האט געוואלט חרוב מאכן א צווייטן אוניווערסאלן מאגאזין, און צום דאזיקן צוועק האט ער געדונגען א גאנצע באנדע כוליגאנעס און פראוואצירט א שטרייק.

כדי צו קעמפן מיטן דאָזיקן שלעכטס, דזשעד, דאַרף מען זיך נישט אָפּטרייסלען פון די אַרבעטער-פאַריינען, נאָר אַריינגיסן אין זיי פריש בלוט, געבן זיי אַ נייע פּאָליטיק און נייע אידעאַלן. דער צוועק פון די אַרבעטער איז איצט שוין נישט דאָס געיעג נאָך דעם איבעריקן דרייער אַ שעה אָדער פאַרן פאַרקירצן אויף אַ שעה די אַרבעטס-וואָך. די ארבעטער דאַרפן שטרעבן דערצו, איבערצובויען די געזעלשאפט און פאַרוואַנדלען די וועלט אין איין פאַרבאַנד פון פּראָדוצירער אונטער דער אָנפירונג פון פּראָדוצירער און לטובת די פּראָ-דוצירער גופא. און צום דאָזיקן צוועק איז אונז נויטיק יעדער ארבעטער, ווּעמעס אָרט ס'איז אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין די רייען פון זיינע ארבעטער-חברים.

אויב איר זעט, אז בא דעם אָדער יענעם פירער איז נישטאָ קיין געגוג ברייטער האָריזאָנט — איז אייער זאך צו עפענען אים די אויגן. ווייזט אים אָן וויאַזוי די קאַפּיטאַליסטן האָבן געבילדעט די טרעסטן און ווי די ארבעטער דאַרפן זיי אַקעגנשטעלן גרויסע אינדוסטריעלע ארבעטער-פאַריינען.

אויב ס'טרעפן זיך צווישן אייך ערנלאָזע ארבעטער-פירער, וואָס פאַרשאַכערן די זאך פון די ארבעטער, טאָ גיט אַ שטויס מיטן פוס, וואַרפט זיי ארויס און געפינט אָפּ אנדערע, אין וועלכע ס'לעבט דאָס קלאַסנבאַוווּסטזיין, וועלכע זענען געטריי דער ארבעטער-באַוועגונג.

איך ווייס, אז ס'איז פיל לייכטער צו רעדן, איידער צו טון, אָבער דאָס הייסט נישט, דזשעד, אז די ארבעטער דאַרפן פאַלן כורעים פאַרן קאַפּיטאַל און זיך אָפּזאָגן פון קאַמף. גע-דענקט, אז די וועלט ענדערט זיך און איר קאָנט נישט בלייבן תמיד דערזעלביקער, פאַראַן כוחות, וואָס וועלן תמיד שטרעבן אַריינצושליידערן די ארבעטער אין שקלאַפנטום פון די אַמאָליקע צייטן, וויבאַלד זיי וועלן נאָר נישט ארויסווייזן גענוג דרייסט-קייט און פאַרשטאַנד, כדי גובר צו זיין דידאָזיקע פיינטלעכע כוחות און זיך דערהויבן צו דער נייער לאַגע פון אַ שותף אין דער אונטערנעמונג.

שליסט אייך אָן אָן די רייען פון ארבעטער-פאַריין און

טוט אייער חלק ארבעט. ס׳וועט אמאָל אין די פאראייניקטע שטאטן ארויסגעגעבן ווערן א געזעץ, .לויט וועלכן יעדער מענטש, וואָס ארבעט אין וועלכער ס׳איז אינדוסטריע-צווייג, ווערט אויטאָמאטיש א מיטגליד פון פאריין, א גלייכער און פולבארעכטיקטער שותף אין דער אונטערנעמונג — אָן דעם רעכט צו עקספּלואטירן אנדערע און אָן דער געפאר צו ווערן עקספּלואטירט.

אינהאלט:

		זייט
ערשטער	בריוו	3
צווייטער	„	9
דריטער	„	16
פערטער	„	22
פינפטער	„	30
זעקסטער	„	37
זיבעטער	„	44
אכטער	„	50
ניינטער	„	56
צענטער	„	62
עלפטער	„	70
צוועלפטער	„	78
דרייצענטער	„	87
פערצענטער	„	94
פופצענטער	„	101
זעכצענטער	„	108

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON

אײפּטאָן סינקלער

דאָס בוך פון לעבן

ייִדיש: י. ראַפּאַפּאָרט

315 זײַטן   פּרײַז 6.50 גילדן

ס ינקלער, דער באַוואוסטער אַמערי־
קאַנער בעלעטריסט וועמענס שפּאַנענדע ראָמאַנען שמעקן אָפט מיט מאַג־צײַ־
טונג און פּאַרטײ־בראָשור און זענען דאָך פאַרכאַפּנד, איז אַ פּאָפּולערע פּער־
זאָן, צו וועלכער ס׳ווענדן הונדערטער מענטשן מיט דער ביטע אויפצוקלערן
פאַרפּלאָנטעטע לעבנס־פּראָבלעמען. דאָס האָט אים באַוואויגן אָנצושרײַבן אַ
בוך, וואָס זאָל זײַן אַ וועג־ווײַזער, אַ האַנט־בוך פאַר די באַעולטע, וואָס זײַנען
נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו די קוואַלן פון אוניווערסאַלער בילדונג, אין בלאָנ־
דזען אַרום אין לעבן ווי אין אַ נעפּל. די שול, די רעליגיע און די צײַטונגען
וואָלטן אין דעם הינזיכט באַדאַרפט אינסטרואירן דאָס פּובליקום. פון די דאָ־
זיקע דרײַ אינסטיטוטן — זאָגט אָבער סינקלער — איז דער ערשטער נישט
קאָמפּעטענט, דער צווייטער — נישט ערליך, דער דריטער נישט צוגעפּאַסט
צום גײַסט פון צײַט און ווי אײַן עלטערער געניטער חבר, אָן דעם אָנגע־
בלאָזענעם ערנסט פון אַ פּרעדיקער, אויך אָן אַ טריקענער סכעמאַטישער־
פון אַ בראָשורע שרײַבער, קומט סינקלער צו באַלערנען זײַן אוידיטאָריע. ער
הויבט אָן פון פראַגן, וואָס האָבן אַ שײַכות בלויז מיטן פיזיאָלאָגישן בוי
פון מענטשן־קערפּער, דער מחבר האַלט זיך נישט פאַר קיין ספּעציאַליסט
אין דער פראַגע. ער האָט אָבער גענוג קלאָרע פאָרשטעלונגען וועגן אָרגאַ־
ניזם, וועגן דערנערונג־פראַגן, וועגן מעדיצין און היגיענע אין צווייטן בוך, דעם בוך
פון ליבע הגם דאָס אינטערעסאַנטע אָפּטײלונג פון ווערק — פּרוווט שוין
נישט סינקלער גײן פאָרזיכטיג. דאָ זענען אָנגעווייטאָגטע פראַגן פאַראַן. דאָ
פאַרמאָגט דער מחבר גענוג מוט און טעמפּעראַמענט אויף צו באַלויכטן אויף
אַ ראַדיקאַלן אופן דעם שמוץ און צביעות פון דעם בירגערלעכן משפּחה־
לעבן ער באַנוצט זיך דאָ בלויז מיט אויטאָריטעטע מײנונגען, ווי אין אַנ־
דערע קאַפּיטלען, נאָר גיבט אַלײן מ אַ ט ע ר י אַ ל פאַר אָנגריף, ער קריטי־
קירט בײז די ה י נ ט י ק ע פאָרמען פון ליבע, פון חתונה, ברענגט שוי־
דערלעכע ציפערן, גרויזאַמע בײַשפּילן, אַנאַליזירט היסטאָריש דעם חתונה־
אינסטיטוט פון אוראַלטע צײַטן און מערקט אָן בילדער פון צוקונפטיקן צו־
זאַמענלעבן פון מאַן און ווײַב. דער דורכשניטלעכער לײענער, וואָס האָט
כמעט נישט קיין צוטריט צו ליטעראַטור אין אַנדערע שפּראַכן וועט גאַנצע
שטעלן פון דאָזיקן ווערק שלינגען מיט ניגיר, מיט ברײט צעעפנטע אויגן,
ער וועט אין אים באַקומען אַ מעגלעכקײט צו באַזײַטיקן, טײלווײַז, די גײַ־
סטיקע קורצזיכטיקײט וואָס קומט פון ווייניק קענען.

היפאָליט טען

די פילאזאפיע פון דער קונסט

יידיש: דר. י. ב. צפור

2 בענדע

דאָס בוך פון באַרימטן פראַנצויזישן ליטעראַטור־און קונסט־היסטאָריקער איז איינס פון די וויכטיקסטע עטאַפּן אויפן וועג צו אַ סאָציאָלאָגישן קוק אויף דעם קונסט־שאַפן.

דאָס דאָזיקע בוך איז אויך היינט נישט פאַרעלטערט, ווייל עס איז אַליין אַ מערקווירדיקע קונסט־ווערק פון גרויסן פראַנצויזישן דיכטער־קריטיקער.

CULTURAL CLUB
SKATOON

ח. פרישע

די סאציאלאגיע פון קונסט

יידיש: י. ראפאפארט

ו. פרישע, איינער פון די גרעסטע מארקסיסטישע ליטעראטור און קונסט היסטאריקער גיט דא צום ערשטן מאל א קורץ-געפאסטע און ברייט-פאר־טראכטע טעאריע פון דער סאציא־לאגיע פון דער מאלעריי-און סקולפטור-קונסט.

CULTURAL CLUB
SASKATOON

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

ד. ריאַזאַנאָוו

אפהאַנדלונגען צו דער געשיכטע פון מאַרקסיזם

יידיש: י. ראַפּאַפּאָרט

ד. ריאַזאַנאָוו, דער אָנפירער פון מאַרקס-ענגעלס אינסטיטוט אין ראַטן-פאַרבאַנד איז ביי היינטיקס-טאָג דער גרעסטער פאַרשער אויפן געביט פון דער געשיכטע פון מאַרקסיזם.